ה. לייוויק

אַלע ווערק

0-657-15967-0

NXYH02-B1657

Digitized by the Internet Archive
in 2009 with funding from
National Yiddish Book Center

http://www.archive.org/details/shmates00leiv

געקליבענע ווערק פון ה. לייוויק

שמאַטעס

דראַמע אין פיר אַקטן

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 15967

SHMATES

H. Leivick

Permanent preservation of this book was made possible by Loving Relatives In memory of Claire and John Kicey. They lived simply, worked honorably, and gave generously.

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Lief D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ה. לייוויק

שמאַטעס

דראַמע אין פיר אַקטן

ווילנע — 1928

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

H. Lejwik — „S z m a t e s".

Drukarnia „Wyd. Wileńskie" B. Kleckina, Wilno

פערזאָנען:

מרדכי מאַזע

רחל-לאה, זיין ווייב.

סיידי, זייער עלטערע טאָכטער פון אַ יאָר פערציק.

עני, זייער יינגערע טאָכטער.

הערי, זיין זון פון אַ יאָר צוואַנציק.

אַלטער ליוואַי

יונגער ליוואַי

אברהם מאַליק
ר' עליע
דיין
ר' זלמן
ר' איצע
ר' חיים
און נאָך יידן
— אַרבעטער אין שאַפּ פון רעגס.

קומט פאָר אין ניו-יאָרק.

ערשטער אקט

דאָס עס־צימער אין מאָזעס הויז: אָרים אָבער ריין צוגע־קליבן; רעכטס — אַ שמאָלע האָל צום אַרויסגאַנג. אויך צו דער קיך; לינקס — דאָס שלאָף־צימער פון די אַלטע. — אַ הייסער יולי־אָוונט:

די אַלטע רחל־לאה גרייט דעם טיש צו סאַפּער: גייט הין און צוריק פון קיך אין עס־צימער. סיידי, די על־טערע טאָכטער פון אַ יאָר פערציק, שטייט ביים טיש. זי איז נאָר וואָס אַריינגעקומען.

ר ח ל - ל א ה

נו, וואָס זיצטו ניט? שטייסט שוין אויף שפּילקעס? וועסט דאָך עסן מיט אונז סאַפּער.

ס יי ד י

אַזאַ פּאַרדרוס: אַ גאַנצן טאָג, אַז איך שלעפּ זיך אַרום איבער אַלע סטאָרס.

ר ח ל - ל א ה

וואָס דו וועסט קויפן, וועט זיין גוט. ענין וועט אַ דאַנק גאָט ניט פעלן.

סיידי

מען רעדט דען פון פעלן? צו אַ חתונה־פּאַרטי קען מען ניט קויפן אַבי־וואָס, און אויסגעבן אַ פולע געלט...

רחל־לאה

אָבער דו וועסט דאָך ניט גיין אויף אַ גאַנצער נאַכט ווידער איבער די סטאָרס.

סיידי

זאָל שוין זיין אויף מאָרגן. איך בין מיד. זעצט זיך

רחל־לאה

וואָס מאַכט בעני?

סיידי

ער איז אָלרייט. וועט קומען שפּעט אַ היים היינט.

רחל־לאה

מעגסטו דאָך געוויס פאַרברענגען מיט אונז. שוין אַ וואָך צייט ניט געזען דיך.

סיידי

וואָס מאַכט דער טאַטע? אַזוי שפּעט קומט ער פון שאפּ?

רחל־לאה

דו ווייסט דאָך, ביז וואַנען ער פאַרשלעפּט זיך אַ היים.

סיידי

און עניך האָסטו געזען די טעג?

רחל־לאה

ווער קוקט זי אָן. זי זיצט אין איר נייעם הויז און וואַרט אויפן

פּאַרניטשור, האָסטו געזען — שוין אַ וואָך צייט, אַז מען דאַרף עס צושטעלן און מען שטעלט ניט צו.

סיידי

וועט זיין שיין, אַז צו דער פּאַרטי וועט נאָך ניט זיין דאָס פּאַרני־טשור.

רחל־לאה

וואָס רעדסטו? זי וועט זיך אַ מעשה אָנטון. איין קלייניקייט. קענסט ניט ענין... האָסט שוין געזען איר הויז? אַ פּאַלאַץ, זאָג איך דיר. און ניט ווייט פון דאַנען.

סיידי

אַז ווען האָב איך צייט געהאַט? און מען קוקט זי דען אָן? זי דאַרף שוין קיינעם ניט...

רחל־לאה

שוועסטער אין אַמעריקע.

סיידי

וואָס רעדסטו, מאַמע? דו ווייסט דאָך, טאָ וואָס רעדסטו?

רחל־לאה

אָבער, אַ שוועסטער איז זי דיר, צי ניט?

סיידי

אַז ווען האָב איך צייט געהאַט צו גיין צו איר? אַז ס'איז אזוי מ־ט אַמאָל געוואָרן... איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך ווייס אפילו ניט איר אַדרעס... נו, און דער טאַטע איז בייז מסתמא, איך שטעל מיר פּאָר.

רחל־לאה

שייך בייז. דער מענטש איז אויסער זיך. איך האָב געמיינט נעכטן,

אַז גאָט ווייס, וואָס עס וועט זיין מיט אים. היינט, טאָמער איז אים וויניק עני, איז הערי נאָך?

סיידי

וואָס איז הערי?

רחל־לאה

ער דערגייט אים די יאָרן, דעם אַלטן, אַז ס'איז ניט אויסצוהאַלטן. רעדט אים אַקעגן. לאָזט אים דעם קאָפּ ניט אויפהייבן... וואָלסט הערן נעכטן: סאַראַ מויל ער האָט אויף אים געעפנט. און דער אַלטער, — כאַי וואָלט ער כאָטש איין וואָרט ענטפערן, שווייגט. ס'איז מיר אַ גרויס חידוש, טאָכטער, אָט דאָס שווייגן, וואָס ער שווייגט.

סיידי

פאַרפאַלן, אַזוי איז עס שוין. צייט איר זאָלט ווילן. ניט דאָס ערשטע יאָר אין אַמעריקע.

רחל־לאה

וואָס רעדסטו — אַמעריקע, אָבער עס טוט דאָך וויי. אַ ווויל יינגל, דאַכט זיך, און וואָס עס ווערט פון אים, — קומט פון דער אַרבעט, עסט אָפּ, שלינגט אָפּ אויף שנעל, שנעל, רעדט מיט קיינעם קיין וואָרט ניט אויס, און אַז ער רעדט שוין יאָ, איז מיט אַזאַ גדלות, מיט אַזאַ בייזקייט. פון וואַנען קומט עס צו אים?... אָפּגעגעסן — ניטאָ אים: שלעפט זיך אַרום עפּעס מיט חברה... קומט זונטאָג — דערלאַנגט ער מיר די פּאָר דאָלער פאַרן עסן, אַזוי ווי איך וואָלט געווען אַ פרעמדע צו אים, איך דערצייל עס גאָרניט דעם אַלטן, איך שעם זיך.

סיידי

נו וואָס, מאַמע, אַלע זענען אַזוי. אין אַלע הייזער.

רחל-לאה

אָט ביסטו דאָך ניט געווען אַזוי. וויפיל דו האָסט פאַרדינט, האָסטו אָפּגעגעבן אין הויז.

סיידי

אַ באָי איז אַנדערש.

רחל-לאה

און וויפיל וועט דער טאַטע נאָך קענען אַרבעטן? אַזאַ אַלטער מאַן, שוין אַ זקן דאָך, ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר. אין אַזוינע היצן וואַלגערן זיך אין שאַפּ דאָרט, אין שמאַטעס. איך דאַרף דיר דען דערציילן, ווער דער טאַטע איז? —

סיידי

איך ווייס, מאַמע, איך ווייס.

רחל-לאה

ער קומט אַ היים, איז קוים וואָס ער שטייט אויף די פיס. ער האָט ניט קיין צייט אָפּצועסן, פאַלט ער, ווי אַ פליג אַוועק.

סיידי

מיר וועלן זען עפּעס טון איצט, מאַמע. אפשר אַרויסנעמען אים אינגאַנצן פון שאַפּ. איך האָב שוין וויפיל מאָל אַליין איבערגערעדט מיט מיין בענין: מען דאַרף דעם טאַטן אַרויסנעמען פון די רעגס.

רחל-לאה

שוין לאַנג צייט געווען, טאָכטער.

סיידי

איך זאָג דאָך דיר. איך האָב שוין וויפיל מאָל אַליין איבערגערעדט, און איצט, אַז — ענין —

רחל־לאה

אָ, וואָס רעדסטו — עני, מען טאָר איר נאָמען פאַרן אַלטן ניט אַרויסברענגען.

סיידי

ס'איז דאָך אָבער שוין פאַרפאַלן, מאַמע. ליוואַי איז דאָך שוין אַן אײדעם אײערער, וואָס איז דאָ צו רעדן — —

רחל־לאה

אַז דו ווייסט גאָרניט, וואָס פאַר אַן עקשן דער טאַטע דײַנער איז. ער וועט ניט מוחל זײַן. אָט אַזאַ ייד איז ער שוין... ווערסט אים היינט גאָרניט דערקענען — אַזוי פאַרעלטערט איז ער געוואָרן פאַר די עטלעכע טעג. נעכטן בײַ נאַכט שפּרינגט ער אַרויס פון בעט, שוין האַלבע נאַכט געווען, זעצט זיך בײַם טיש און זיצט מיט אַן אונטערגעשפּאַרטן קאָפּ. זיצט און שווייגט. „מרדכי, וואָס שלאָפסטו ניט?" — פרעג איך. די וואַנט ענטפערט — אַזוי ענטפערט ער.

סיידי

מאָדנע, אַנדערע עלטערן וואָלטן זיך גאָר געפרייט; אַן אָרים מיידל האָט חתונה מיט איר באָס זון. עס טרעפט דען ניט אַזוינס אין ניו־יאָרק? נו, יע. איך פאַרשטיי, דער טאַטע דאַרף אודאי פילן שלעכט, וואָס ער אַרבעט אויך בײַ ליוואַי, און נאָך בײַ די רעגס... אָבער איז דען אַ נייס, אַז אַ טאַטע אַרבעט בײַ אַן אייגן קינד אין שאַפּ? — —

רחל־לאה

וואָס רעדסטו? דו מיינסט דעם טאַטן אַרט, וואָס ער וועט דאַרפן אַרבעטן בײַ זײַן אייגענעם אײדעם, אָדער בײַ דעם אַלטן ליוואַי? וואָס קען ער, אַ שטייגער, האָבן צו מאָריסן? אָבער איצט — נו, מילא, עני איז אַ צעלאָזן מיידל, האָט ניט אָנגעפרעגט בײַ אונז, איז זי דאָך אַן אייגענע טאָכטער, אָבער ער, ליוואַי, — ער האָט

באַדאַרפט קומען אַהער, ווי עס פירט זיך ביי לייטן. כאָטש דערציילן, אַז זיי גייען חתונה האָבן. כאָטש וויסן האָבן מיר דאָך באַדאַרפט... דער טאַטע איז טאַקע אַן אַרבעטער ביי זיי, אָבער עס האָט זיי געמעגט אָנשטיין אַריינצוקומען און דורכצורעדן זיך. ס׳איז הפקר, וואָס?

ס יי ד י

ביסט גערעכט, מאַמע. איך פאַרשטיי טאַקע ניט. גייט אַרום איבערן שטוב ניט שיין. אַן עולה. נאָך אַלעמען האָט ער באַדאַרפט וויסן, ווער דער טאַטע איז... עס מאַכט ניט וואָס אַמעריקע... גייט צו צו דער מאַמען אָבער, גענוג, מאַמע, גענוג — פאַרפאַלן.

ר ח ל - ל א ה

איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, איך הייב גאָר אָן צו טראַכטן: ווער ווייסט, צי איז עפּעס ניט, חלילה —

ס יי ד י

וואָס מיינסטו, מאַמע?

ר ח ל - ל א ה

אַז ס׳איז אַזוי אין איילעניש געוואָרן ביי זיי.

ס יי ד י

וואָס פאַלט דיר איין?

ר ח ל - ל א ה

נו, ווייסט דאָך, אַ יינג מיידל. איך ווייס — איך וויל עס גאָר פאַרן מויל ניט אַרויסברענגען . . .

ס יי ד י

אַי, וואָס דיר קען איינפאַלן.

מען הערט, ווי מען שליסט די טיר

רחל-לאה

אַודאי, הערי. זאָלסט זיך ניט קריגן מיט אים, הערסט.

עס קומט אַריין הערי, אַ בחור׳ל פון אַ יאָר צוואָנציק. ער טראָגט דעם ראָק און הוט אין האַנט.

הערי

גוד איוונינג. אָ, סיידי, העלאָו. פו, הייס. דזשי!

וואַרפט דעם ראָק און הוט אויף אַ שטול, פאַלט אַליין אַריין אין אַ צווייטן שטול.

סיידי

וואָס מאַכסטו, הערי?

הערי

אָלרייט. פיין.

סיידי

פאַרוואָס אַזוי שפּעט?

הערי

געווען ביים באַרבער. איך פאָר אַוועק, מאָרגן.

רחל-לאה

וואָס הייסט דו פאָרסט?

הערי

איך פאָר. דאטסאָל.

סיידי

וואָס איז מיט דיר? קענסט ניט ענטפערן ווי אַ מענטש?

הערי

וואָס זאָל זיין מיט מיר? איך פאָר אין קאָונטרי, דאטסאָל.

ר ח ל - ל א ה

אָט אַזוי ווי דו זעסט — דאטסאָל און דאטסאָל. מער קיין וואָרט ניט.

ה ע ר י

דו זעסט ווי מען באדערט מיך. גיב מיר עסן, איך האָב קיין צייט ניט.

ס י י ד י

ווילסט גאָרניט זיין אויף עניס פּאַרטי?

ה ע ר י

„אַי דאָנט קער". איך האָב אינגאַנצן צוויי וואָכן וואַקיישאַן געקראָגן, וועל איך זיך אַזויעקזעצן וואַרטן אויף אַ פּאַרטי. עני וועט אויסקומען אָן מיר אויך.

ר ח ל - ל א ה

זעסט דאָך — אים אַרט עס גאָרניט.

ה ע ר י

„דאָן באָדער מי". גיב מיר עסן.

ס י י ד י

ווען איך בין אויף דיין פּלאַץ, מאַמע, וואָלט איך אים ניט געגעבן קיין עסן.

ה ע ר י

ניטאָ טאַקע קיין רעסטאָראַנען אין ניו-יאָרק, ווי מיינסטו? דו גיסט מיר עסן, צי ניט? אַז ניט גיי איך שוין אַוועק.

ס י י ד י

זע, ווי ער סטראַשעט דאָס. וואָס טוט זיך דאָ? ביסט משוגע׳ הערי.

הערי

ס'איז מיר הייס און איר דרייט מיר אַ קאָפּ. צום טייוול.

סיידי

דו מיינסט, די מאַמע איז אַ דינסט יעדערן צו דערלאַנגען עסן באַזונדער. קענסט וואַרטן ביז אַלע וועלן עסן.

הערי

איך קען ניט וואַרטן. איך האָב ניט קיין צייַט.

רחל=לאה

דערלאַנגט אים עסן

אָ, וואָס איז דאָ צו רעדן. ס'איז שוין אַלץ איינס.

הערי

אויב איר וועט מיך אַפּולע באַדערן, קלייב איך זיך אײַנגאַנצן אַרויס פון דאַנען.

סיידי

ווער לאָזט דיך ניט?

הערי

איך וועל עס טאַקע טון. עס קריכט מיר שוין פון האַלז. איי־ערע רייד און אַלץ מיטאַנאַנדער.

רחל=לאה

לאָז אים שוין. עס — נאָר שווייג כאָטש.

הערי עסט שנעל. מען הערט ווי מען שליסט די טיר.

ר ח ל - ל א ה

איצט גייט שוין דער טאַטע.

אָפּ אין קיך

עס קומט אַריין מ ר ד כ י מ א ז ע און דער בּאָרדער א ב ר ה ם מ אַ ל י ן. בּיידע עלטערע יידן. מ א ז ע איבּער זעכציק. גרוי, אַ שאַרפער, ענערגישער פּנים מיט יענער פאַרשלאָסענער פאַרגליווערטקייט, וואָס מען בּאַגעגנט אָפט אויף די פּנימער פון עלטערע יידן אין ניו-יאָרק. ער טראָגט אַן אַלטן צעטראַמפּלטן ראָק, מיט אויסגעריבּענע אַרבּל. ער קומט אַריין מיד און נאָכלעסיק, אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט אין הויז. ער טוט עפּעס אַ מורמל מיטן מויל און מען ווייסט ניט צי ער זאָגט: גוטן אָוונט, צי עפּעס אַנדערש. ס יי ד י גייט אים אַנטקעגן. ר ח ל - ל א ה קומט אַרויס פון קיך. ה ע ר י עסט און קערט זיך ניט אָפּ. מ אַ ל י ן זאָגט גוטן אָוונט און קערט זיך צוריק אין האָל צו זיין צימער.

ס יי ד י

גוטן אָוונט, טאַטע.

מ א ז ע

גוט יאָר.

ס יי ד י

ס'איז דיר הייס?

מ אַ ז ע זאָגט גאָרניט. גייט אַריין אין בּעדרום. ר ח ל - ל א ה הייבּט אָן בּרענגען צום טיש דאָס עסן.

ס יי ד י

העלפן דיר, מאַמע?

ר ח ל - ל א ה

מען דאַרף ניט. זעץ זיך צום טיש.

ס יי ד י

מען דאַרף שוין אָנצינדן פייער.

לויפט אין קיך, ברענגט אַ שוועבעלע און צינדט אָן דעם גאַז. זעצט זיך צום טיש.

מ אַ ז ע קומט ארויס אָן אַ ראָק מיט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ, גייט אין קיך זיך וואַשן, קומט אַריין, מאַכט המוציא, זעצט זיך; אויך אַזוי מ אַ ל י ץ: — ר ח ל - ל א ה גיסט פאַנאַנדער דאָס עסן, דערלאַנגט יעדן. זעצט זיך אַליין אויך נעבן מאַזען.

ס יי ד י

שטשאַוו? דאָס איז טאַקע גוט היינט.

אַ ל ע עסן שטיל

ה ע ר י האָט שוין אָפּגעגעסן. הייבט זיך אויף, נעמט זיין ראָק און הוט — וויל גיין

ס יי ד י

גייסט שוין אַוועק?

ה ע ר י

יאָ. איך דאַרף נאָך עפּעס קויפן צום וועג.

מ אַ ז ע הייבט אויף די אויגן אויף אים, לאָזט זיי צוריק אַראָפּ. זאָגט גאָרנית

ר ח ל - ל א ה

הערי, זון מיינער, פאָר נאָך ניט, וואַרט אַ פּאָר טעג.

ה ע ר י

וואָס וועל איך וואַרטן? גוד בייט!

אָפּ — שטילשווייגן

רחל-לאה

ווייסט, מרדכי, ער פאָרט אין קאָונטרי. אינמיטן דרינען האָט זיך אים פאַרוואָלט קאָונטרי.

מאַזע

איך פרעג דיך דען, וואַהין ער פאָרט? צו סיידין וואָס מאַכט בעני?

סיידי

אַ דאַנק, טאַטע. ער איז אַיִועק ערגעץ פאַר ביזנעס... אַ שווערער טאָג היינט געווען צו אַרבעטן. יאָ, טאַטע?

מאַזע

פאַרשטייט זיך, זומער איז ניט ווינטער.

מאַליץ

אָ, הייס געווען היינט אין שאַפּ — אַ דערשטיקעניש.

מאַזע

נו, פאָרט מען אין קאָונטרי.

מאַליץ

וואָס עפּעס אין קאָונטרי?

מאַזע

נו, יאָ. אַז ס'איז הייס הייבט מען זיך אויף און מען פאָרט אין קאָונטרי.

מאַליץ

ר'מרדכי איז בייז היינט.

מאַזע

וואָס, בייז גאָר?

ס י י ד י

האָסט פלייש אויך, מאַמע? איך וועל גיין דערלאַנגען.

ר ח ל - ל א ה

נאָר מילכיקס. זיץ, איך וועל אַליין.

גייט אין קיך

מ אַ ז ע שעפט אָן אַ גלאָז וואַסער פון אַ פלאַש, טרינקט אויס מיט איין זופ

ס י י ד י

פראָסטע וואַסער איז געזונטער, טאַטע. דערלאַנגען דיר?

מ אַ ז ע

מען דאַרף ניט. זיץ.

— שטיל —

ס י י ד י

וואָס הערט זיך עפעס ביי אייך, מיסטער מאַליץ?

מ אַ ל י ץ

וואָס זאָל זיך הערן? אָט.

ס י י ד י

איר אַרבעט מיטן טאַטן אויף איין פלאָר?

מ אַ ל י ץ

אַנקעגן וואָס פרעגט איר?

ס י י ד י

אַזוי זיך.

מאליק

אָ, יאָ. ביז היינט זענען מיר געווען נאָענטע שכנים איינער נעבן צווייטן שטייען מיר.

סיידי

וואָס מיינט איר: ביז היינט.

מאליק

איך ווייס, מען זאָגט ביי אונז, אז ר׳ מרדכין וועט מען איצט אוועקשטעלן ביי אן אנדער ארבעט.

מאזע

מיט צאָרן

וואָס?

סיידי

טאַטע —

מאליק

איך ווייס, אלע רעדן אזוי. נו, אודאי — וואָס איז שייך —

מאזע

איר זענט א שוטה.

סיידי

טאַטע...

מאליק

אָט אזוי איז ער שוין, דער טאַטע אייערער. א קלוגער ייד — אָבער א כעסן, זאָל גאָט שומר ומציל זיין. און וואָס איז דאָ צו כעסן

זיך? אַלעמען טוט הנאה. שוין צייט טאַקע ר' מרדכי זאָל פּטור ווערן פון די שמאַטעס.

מאזע

איר וועט אַנטשולדיגן ווערן, צי ניט?... וואָס טוט די מאַמע דאָרט אַזוי לאַנג? יאָרן נעמט עס ביי איר.

סיידי

מאַמע!

רחל-לאה

איך גיי שוין. איך קום שוין.

מאליץ

עס קען זיין מיר וועלן באַלד אַלע האָבן קאונטרי...

סיידי

וואָס מיינט איר, מיסטער מאליץ?

מאליץ

אונזערע יידן רעדן דאָך וועגן אַ סטרייק.

סיידי

שפּרינגט אויף, צעלאַכט זיך

וואָס, מיסטער מאַליץ? איר — סטרייקן?

מאליץ

וואָס איז דאָ צו לאַכן? אַז מיר זענען אַלטע לייט איז שוין?

סיידי

אמת, טאַטע?

מאזע

און אַז אמת?

סיידי

סאַמע, דו הערסט — דער טאַטע און מיסטער מאַליק גייען סטרייקן.

רחל־לאה

קומט אַריין מיט אַ שיסל זופּ אין האַנט. שטייט אַ דערשראָקענע אינמיטן שטוב

וואָס? סטרייקן גאָר?

סיידי

דו הערסט דאָך, מיסטער מאַליק אַליין זאָגט.

מאַליק

הלואי וואָלט עס געווען אמת. רעדן רעדט מען שוין לאַנג. צי עס וועט עפּעס אַרויסקומען — שטילערהייט רעדן זענען אונזערע אַלטע לייט בריות, אָבער טון...

מאזע

גיב שוין דאָס עסן, וואָס שטייסטו?

רחל־לאה

טיילט דאָס עסן

אוי, איך האַלט ניט אויס.

מאַליק

ר׳ מרדכי וועט נאָך זיין אונזער פירער.

מאַזע טוט אויף אים אַ קוק, ברענט אים דורך מיט די אויגן

סיידי

פּאַרוואָס האָסטו גאָרניט דערציילט, טאַטע? אוי, אַ שיינע מעשה. דער טאַטע וועט נאָך סטרייקן ביי זיין אייגענעם מחותן...

מאַליץ

יאָ, יאָ, מיסעס מאַזע. הלואי וואָלט עס נאָר זיין אמת.

מאַזע

שמאַטניקעס!.. צו סיידין און וואָס איז מיט דיר אַזוי די שמחה?

סיידי

עס געפעלט מיר. אַ סטרייק פון אַ יוניאָן אַלטע לייט. אַזוינס איז נאָך אין ניו-יאָרק ניט געווען.

מאַליץ

איר מיינט — מיר וועלן ניט קענען? שוין צייט מען זאָל זיך פאַר אונז אויך אָננעמען.

מאַזע

מיט בטול

אָננעמען? אַזוי!

מאַליץ

מיר וועלן האָבן מאָרגן אַ מיטינג, און אַ רעדנער וועט קומען...

מאַזע

אַזוי, — אַ רעדנער!

מאַליץ

מיר וועלן פאָדערן ווייניקער שטונדן, מער שכירות...

מאַזע

מער אַז דאָס פעלט אייך שוין גאָרניט.

מאַליק

וואָס הייסט? און אַ ליכטיקערן שאַפּ. ניט אַזאַ קבר. שטויב, ענג.

מאַזע

אַ ליכטיקערן שאַפּ! — אַ גוואַלטיקע מעשה. ניט אַזאַ קבר — אַ ליכטיקערן...

סיידי

וואָס רעדסטו, טאַטע?

מאַזע

מוחל, מוחל.

מאַליק

וואָס הייסט?

מאַזע

אָן מיר, אָן מיר. איך דאַרף ניט. איך דאַרף ניט קיין ליכטיקערן... אַלטע שמאַטניקעס ווילן זיין מיט לייטן גלייך — — מוחל, מוחל.

מען קלינגט אין טיר — ביידע פרויען שפרינגען אויף

סיידי

איך גיי עפענען.

לאָזט זיך אין האָל — מען הערט ענים קול

רחל-לאה

ענים פאַרפיר ניט קיין קריג יעצט, מרדכי.

מאַזע

לערן מיך ניט קיין דרך-ארץ.

ס ײ ד י

לויפט אַרײַן

מאָריס אויך, מיט ענין.

עס קומען אַרײַן עני און מאָריס ליוואַי; בײדע גע-
קלײדט נאָך דער לעצטער מאָדע

מ אָ ר י ס ל י ו ו אַ י

„גוד איווינינג".

ע נ י

„העלאָו"!

ר ח ל - ל א ה

אָ, אַזוינע געסט. אַ גוט יאָר אײַך.

גײט זײ אַנקעגן, צעטומלט

מאַזע זיצט אויף זײַן פּלאַץ, טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ. אַלע
פילן זיך פאַרלוירן

ע נ י

צו מאָריסן

דאָס איז מײַן שוועסטער, מיסעס פינק.

מ אָ ר י ס ל י ו ו אַ י

גיט די האַנט צו סײדין

„האַו דו יודו", מיסעס פינק.

ס ײ ד י

„האַו דו יודו", מיסטער ליוואַי. זיצט בײַ אונז.

ע נ י

צו מאָריסן שטיל

רעד ייִדיש דאָ.

מ אָ ר י ס

אַ דאַנק, אַ דאַנק. זעצט זיך אויף אַ שטול, וואָס סײדי טראָגט אונטער דאַכט זיך, אַז איך זע מיסטער מאַליץ. איר ווינט אויך דאָ, מיס־טער מאַליץ?

מ אַ ל י ץ

טוט זיך אַ הייב

יאָ, איך ווין אויך דאָ.

ר ח ל - ל א ה

זעצט זיך ביים טיש. קומט מיט אונז עסן.

מ אָ ר י ס

מיר האָבן נאָר וואָס געהאַט סאַפּער. אַ דאַנק.

ע נ י

מאָריס האָט מיך אויפגענומען אין אַ רעסטאָראַן.

ר ח ל - ל א ה

אפשר ווילט איר. ווילסטו... אַ קאַלטן טרונק... פאַרשעמט איך ווייס שוין גאָרניט ווי צו זאָגן.

ס יי ד י

לאַכט

די מאַמע ווייסט ניט ווי צו רעדן צו אייך, מיסטער ליוואַי. צי זי זאָל אייך זאָגן דו, צי זי זאָל אייך אירצן.

מ אָ ר י ס

שמייכלט

וואָס הייסט?

ע נ י

אודאי ניט אירצן. מאָריס, אַזוי רוף אים. און דו אויך, סיידי, וואָס עפּעס מיסטער ליוואי?

ר ח ל - ל א ה

איך וויס? אז ער האַלט זיך פרעמד צו אונז. נו, אודאי, אַן אייגן קינד שוין איצט — אודאי וואָלט איך וועלן — אינגאַנצן איינמאָל ביי אונז אין הויז געווען —

ע נ י

מאָריס האַלט זיך ניט פרעמד, מאַי, ער איז נאָר זייער ביזי. מאָריס רעדט אַלעמאָל מיט מיר וועגן אייך. ניט אמת, מאָריס?

מ אָ ר י ס

איך בין טאקע זייער ביזי לעצטנס.

ע נ י

דער גאַנצער שאַפּ אויף אים.

ר ח ל - ל א ה

איר קומט צו אונז אָפּגעגעסענע שוין. איז ניט אַ חרפּה. פאַר־גייט גאָר אין רעסטאָראַן —

ע נ י

אָ מאמע, עס מאַכט ניט, מאָריס וועט ווערן היימישער, ניט אמת, מאָריס?

מ אָ ר י ס

דרייט דעם הוט אין האַנט

נו, יאָ.

ע נ י

ווּ איז הערי?

ר ח ל = ל א ה

אַרויסגעגאַנגען. ער האָט דאָך ניט מיין צייט מיט אַלעמען אינ= איינעם צו עסן — וועט מסתמא באַלד אַריינקומען — דו זאָגסט: ווערן היימיש — מען דאַרף נאָך ווערן? מאָריס איז אפשר גאַרניט שולדיק אַזוי — דו, עני, שלעכטע מויד, דו —

ע נ י

נו. נו, מאַמע. צו מאָריסן זאָג עפּעס דעם טאַטן. רעד צו אים.

מ אָ ר י ס

אַז איך ווייס ניט וואָס צו זאָגן.

ע נ י

פּאַ. דו ווייסט, מיר האָבן דאָך שוין אַריינגעקראָגן די פּאַרני= טשור.

מ א ז ע

איראָניש

אָ?

ע נ י

וואָלסט זען, מאַ, אַ דרעסער — ווונדער.

ר ח ל = ל א ה

אבי דו האָסט געציטערט, ער וועט ניט אַריינקומען.

ע נ י

טאַקע נאָר וואָס, מיט אַ פּאָר שעה צוריק. איצט וועט זיין פיין.

טאַקע זונטאָג די פּאַרטי... דאָס זענען מיר אייך געקומען אָנזאָגן.

מ אַ ז ע

מיט דערזועלבער איראָני

לאַדט איר אונז, הייסט עס, איין...

ע נ י

וואָס הייסט. מיר זענען עקסטרע געקומען. מאָריס זאָגט: ער וויל אויך גיין מיט מיר לאַדן אייך. ניט אמת, מאָריס?

מ אַ ז ע

זייער פיין, זייער פיין. מאָריס אַליין —

ס יי ד י

טאַטע!

ע נ י

זאָלסט זאָגן דיין בענין אויך. מען דאַרף דען שיקן עקסטרע איינ־לאַדונגען? איר וועט דאָך קומען אַזוי.

ס יי ד י

ווי דענקסטו?

ע נ י

זונטאָג אַכט אַ זייגער. זאָלסט קומען פרי... און איר אויך, מיס־טער מאַליק... ניט אמת, מאָריס?

מ אַ ל י ק

איך ווייס, וואָס בין איך?

ע נ י

קומט, קומט.

מאָריס

שטעלט זיך אויף. מיט אומגעדולד

מיר וועלן שוין גיין, ענין.

ענ י

יאָ, יאָ, מיר'ן שוין גיין. מאָריס איז אַזוי ביזי.

רחל־לאה

אייביק ביז. אפילו אין אָוונט ?

ענ י

וואָס מיינסטו, מאַ, דער גאַנצער שאָפּ ליגט דאָך אויף אים. און איצט נאָך אַביסל טראָבל... איך ווייס — די אַלטע לייט רעדן וועגן אַ סטרייק אינמיטן דרינען —

מאָריס

עני, הער אויף. „קאַם, קאַם".

ענ י

דער טאַטע האָט דיר גאָרניט דערציילט, מאַ ?

רחל־לאה

איך ווייס, וואָס וועט ער מיר דערציילן ?

ענ י

איר אויך, מיסטער מאַליץ ?

מאַליץ דרייט זיך אויפן שטול אין פאַרלעגנהייט

ענ י

און דו, טאַטע, אויך ?

מאַזע

ווי אָפּגעבריט

וואָס מיינסטו — אויך ? וואָס עפּעס — אויך ?

ס ײ ד י

טאַטע, טאַטע. —

מ אַ ז ע זעצט זיך צוריק, זײנע נאָלעכער באַװעגן זיך װי פליגלען.

מ אָ ר י ס

צו ענין

„װאָס איז די מעטער װיט יו? לעטס גאָ".

ע נ י

איך פרעג, איך טאָר ניט פרעגן?... „גוד נײט אָל". װעט איר קומען?

ס ײ ד י

װאַרט, איך גײ אויך מיט אײך.

ע נ י

גוט, קום.

מ אָ ר י ס

„גוד נײט".

גײט אַרױס מיט ענין

ס ײ ד י

גײענדיק נאָך זײ, צו די אַלטע

מאַכט ניט קײן געשעפטן און קומט. הערסט, מאַמע. עני איז אַ ביסל אַ נאַר, דאָס אַלץ. איר זאָלט קומען, איר הערט. אַ גוט נאַכט.

ר ח ל - ל א ה

גײ געזונט, טאָכטער.

שטיל — ר ח ל - ל א ה װײשט באַהאַלטענערהײט די אויגן; חאַלט זיך אײן פֿון צו װײנען

מ אַ ל י ץ

הייבט זיך אויף

נו, מ'דאַרף גיין אָפּרוען אַ ביסל.

אָפּ אין האָל צו זיך אין צימער

מ אַ ז ע פאַרשטעלט מיט ביידע הענט, און זיין גאַנץ וועזן פילט זיך פּאַלט צוזאַמען

ר ח ל - ל א ה

ניט אַנטשלאָסן

וואָס ביסטו געבליבן אַזוי זיצן, מרדכי? האָסט דאָך שוין ניט פאַרענדיקט דאָס עסן אפילו.

מ אַ ז ע

זאָל שוין זיין.

ר ח ל - ל א ה

וואָס, ביסט זייער מיד?

מ אַ ז ע

איך ווייס וואָס דו רעדסט דאָרט — מיד. ווי אַלעמאָל — מיד.

ר ח ל - ל א ה

איך ווייס שוין גאָרניט ווי אַזוי צו רעדן צו דיר... איך וויל זאָגן

מ אַ ז ע

וואָס?

ר ח ל - ל א ה

איך פאַרשטיי דאָך אַלץ — דיך פאַרשטיי איך — אָבער...

מ אַ ז ע

וואָס אָבער? וואָס ווילסטו נאָך האָבן פון מיר? שווייג באַטש דו.

ר ח ל - ל א ה

פונדעסטוועגן איז ניט גוט געווען, וואָס דו ביסט געזעסן אַזוי פרעמד און קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט צו די קינדער.

מ אַ ז ע

ווי אַזוי אַנדערש זאָל זיצן אַ פרעמדער, אויב ניט פרעמד...

ר ח ל - ל א ה

מרדכי, וואָס רעדסטו ? וואָס זענען עס פאַר אַ רייד ?

מ אַ ז ע

רחל-לאה, איך בעט דיך, שווייג.

ר ח ל - ל א ה

ווי קען מען עס הערן אַזוינע רייד ? ס'איז ניט אמת וואָס דו זאָגסט, אַז דו ביסט אַ פרעמדער, אָדער זיי זענען פרעמדע. ניט אמת... ווי קענסטו אַזוי רעדן ? מען קען דאָך מיינען, אַז עני האָט גאָט ווייסט וואָס אָפּגעטאָן — —

מ אַ ז ע

אָך, רבוני-דעלמא... פויזע זיי זענען אונז געקומען אָנזאָגן, אַז זיי מאַכן אַ פאַרטי — נו גוט. מאַכן זיי. זאָלן זיי מאַכן — — — ווער זאָגט עפּעס ? ווער זיין אַ פאַרטי. ווער זיין אַ פאַרטי— נו, גוט ווער זיין — מיינסט פאַר אונז מאַכט מען די פאַרטי ? — זי האָט דאָך איצט זיך איינגעקויפט עפּעס אין שענערן יחוס, פאַרשטייסט. מיסטער ליוואי, עפּעס אַ קלייניקייט — מיסטער ליוואי — נו, גוט — איצט פאַרשטייסטו מיך, ווערט שוין זיין וואַרעמער צו אַרבעטן ביי מיסטער ליוואיס רעגס, היימישער — אייגענע שמאַטעס געוואָרן, פאַרשטייסט —

ר ח ל - ל א ה

מרדכי, ווי קאָנסטו אַזוי רעדן ?

מאזע

ווי ווילסטו זאָל איך רעדן? — זיי האָבן חתונה געהאַט — האָבן זיי עפּעס אָנגעפּרעגט ביי אונז? זיי האָבן אונז דערציילט? אַזוי ווי מיר זענען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ — ניטאָ — מאַכן זיי גאָר אַ פּאַרטי — נו, וועט מען גיין מסתמא.

רחל=לאה

מכתמא?

מאזע

מען וועט גיין. מען וועט גיין. ציטער ניט.

רחל=לאה

עס קען זיין, מרדכי, אַז דו ביזט אַליין אַביסל שולדיק. אַז דו וואַרפסט אָן אַזאַ קעלט, אַזאַ טרויער —

מאזע

איך וואַרף אָן אויף זיי קעלט און טרויער, צי זיי אויף מיר? — אַז מיר זענען דאָך אינגאַנצן זייטיקע, באַזייטיקטע — אויף אונז וואַרפט מען קעלט און טרויער, אויף אונז — זי איז אונז גע= קומען אָנזאָגן, אַז זי האָט שוין אַ״יינגעקראָגן דאָס פּאַרניטשורי־ בו, איז וואָס זאָל איך זאָגן? פיין, זייער פיין.

רחל=לאה

אוי, אוי, ווי קען מען עס הערן אַזוינע רייד?

מאזע

ווען עמעצער וואָלט געהערט, ווי איך רעד, וואָלט ער באמת געמיינט, אַז גאָט ווייסט־ וואָס עס האָט פּאַסירט ביי אונז אין הויז — אמת טאַקע, קיין שרעקלעכס האָט ניט פּאַסירט —

מסתמא טוט זיך אַזוי אומעטום, איך ווייס — אָבער איך זע זאַכן אַנדערש — איך זיץ מיר אין שאַפּ אין אַ ווינקל און קלייב שמאַטעס און איך וויל מען זאָל מיך לאָזן צורו, מען זאָל מיך ניט טשעפּען — איך דאַרף ניט קיין רעיז, איך דאַרף ניט קיין פּאַרטיס — איך דאַרף ניט — די קינדער גייען אַוועק פון מיר, האָקן אָפּ מיין לעבן אינגאַנצן, די יידן אין שאַפּ פאַרשטייען מיך אויך ניט — איז זאָג איך עפּעס? נו, גוט, זאָל זיין אַזוי! — אָבער קיין געפעלענער דאַרף איך דאָך ניט זיין! — אויב מיר איז באַשערט אויסצוגיין אין שאַפּ צווישן שמאַטעס — איז זאָל כאָטש זיין שטיל — זאָל כאָטש זייז שאַ — אַליין, איך בין אַליין —

ר ח ל - ל א ה , פאַר דער גאַנצער צייט וואָס מאַזע רעדט, רוקט זיך אָפּ פון טיש אַלץ נענטער צום קיך מיט אַ פּנים, וואָס ווערט באַלד אויסברעכן אין אַ געוויין. אָפּ אין קיך. פון דאָרט דערהערט זיך דער אויסברוך פון איר געוויין.

מ אַ ז ע

צ׳יטערט אויף

ווינט, ווינט — וואָס ווינסטו דאָרט? — מיט אַ געשריי וואָס ווייסנטו דאָרט?

דאָס געוויין האַקט זיך אָפּ מיטאַמאָל — מאַזע נעמט צוזאַמען דעם אונטערשטן טייל פון זיין פּנים מיט אַלע פינגער פון זיין האַנט. שעפּטשעט דאָס בענטשן זיצנדיק אומבאַוועגלעך.

פ אָ ר ה אַ נ ג

צווייטער אקט

שבת נאַכט: די זעלבע סצענע. פינסטער. קיינער איז נישטאָ. עס הערט זיך ווי מען שליסט די טיר פון האָל. טריט: — עס קומט אַריין דער אַלטער מאַזע אָנגעטאָן שבתדיק. זעצט זיך ביים טיש און זיצט אין דער פינסטער. הייבט זיך אויף, צינדט אָן דעם גאַז. גייט אַרום אַן אויפגערעגטער הין און צוריק, זוכט אויס אַ גמרא, זעצט זיך און הייבט אָן לערנען. האַקט זיך אָפּ פלוצלינג, פאַרלעשט דעם גאַז און צינדט אָן אַ ליכט, וואָס ער זוכט אויס. הייבט אָן פונדאָסניי לערנען ביי דעם שיין פון ליכט. קיין ווערטער הערט מען ניט, נאָר עפּעס אַ שטילן אומעטיקן מורמל — עס קומט אַריין סיידי אויך אַן אויסגעפוצטע: שמעלט זיך אָפּ אַ פאַרווונדערטע: קוקט אויפן אַלטן. מאַזע מאַכט זיך, אַז ער זעט זי ניט, בייגט זיך נידעריקער איבערן ספר

סיידי

טאַטע! מאַזע הייבט אויף דעם קאָפּ. ס'איז דאָך מיאוס פאַר לייטן, טאַטע.

מאַזע

וואָס?

סיידי

נעמסט און גייסט אַוועק אינמיטן שמחה.

מאַזע

וועט זיין אַ שמחה אָן מיר.

סיידי

טוסט אָפּ אַמאָל אַזוי, אַז ס׳איז — —

מאַזע

וואָס איז?

סיידי

ס׳איז אַ חרפה.

מאַזע

איך האָב לעצטנס אָנגעהויבן פאַרשטיין: ביסט איבעריק — גיי אַוועק.

סיידי

ס׳איז ניט מער ווי צו להכעיס, טאַטע. קום צוריק, איך בעט דיך.

מאַזע

דו הערסט דאָך, וואָס איך זאָג דיר: מען דאַרף מיך ניט.

סיידי

טו עס צוליב דער מאַמען. זי זיצט שוין ד״ר און וויינט. ניט העַרי, ניט דו.

מאַזע

זאָל זי אויך גיין אַ היים.

סיידי

זייער שיין וועט עס אויסזען... און איך זע ניט, וואָס האָסטו זיך מיטאַמאָל אַזוי באַליידיקט...

מאַזע

דו זעסט ניט? וואָלסט געוואָלט מען זאָל מיך אָננעמען פאַרן קאַרק און אַרויסוואַרפן?

סיידי

איך זאָג דיר אָפן, טאַטע, ס׳איז ניט שיין.

מאַזע

גיי. וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס ביסטו מיר נאָכגעלאָפן? לאָזט מיך אַליין זיין. לאָזט מיך צורו. איך בין שוין מיד. לאָזט מיך.

סיידי

גייט צו נאָענט

טאַטע, איך בעט דיך, מאַך ניט קיין לייטישע געלעכטער. וואָס וועט מען זאָגן? דער אייגענער טאַטע איז אַנטלאָפן אינמיטן. וואָס איז דאָרט אַזוינס געווען? — זאָג.

מאַזע

איך האָב דיר ניט וואָס צו זאָגן. איך האָב ניט. איך וויל דאָרט ניט זיין און שוין.

טוט זיך אַריין אין ספר

סיידי

אַז אין אַלץ זעסטו קרִיוודעס. ס׳האָט זיך דיר עפּעס געדאַכט... קום, טאַטע. מאַזע ענטפֿערט ניט אַזאַ עקשן האָב איך נאָך אויף מיין לעבן ניט געזען.

מאַזע

פון היינט אָן בין איך אַן עקשן. גענוג.

סיידי

ייסטו טאַקע ניט מאַזע גראָבט זיך איין טיפער אין ספר און לערנט —

באַלד וועסטו האָבן דאָ די, מאַמען אויף אַלעמען. מען הערט ווי
ר ח ל - ל א ה קומט אָן אַט גייט די מאַמע אויף. צו די מאַמען אין האָל
זאָלסט אים ברענגען, מאַמע, הערסט.

יידי אָפּ

ר ח ל - ל א ה

קומט אַריין

אויף מיינע שונאימס קעפּ. טפו זאָל עס ווערן.

מ אַ ז ע

קוקנדיק פון ספר אַרויס

וואָס שרייסטו אַזוי?

ר ח ל - ל א ה

האָסטו געזען אַזוינס? — אינמיטן דרינען האָט אים אָנגעשפּאַרט דער למדו. האָט זיך אַוועקגעזעצט לער — נען.

מ אַ ז ע

שטייט דיר ניט אָן?

ר ח ל - ל א ה

צעשרייט זיך נאָך העכער

ווו מען דאַרף און ווו מען דאַרף ניט קומסטו אַרויס מיט דיי-נע געגנג. האָט זיך אָנגעבלאָזן מיטאַמאָל. וואָס? ווען? — אויף מיינע שונאימס קעפּ. איך גיב אַ קוק -- ניטאָ אים. כבוד איז ער געקומען זוכן צווישן אַמעריקאַנער ייִנגעלייט. וואָס גייען זיי דיך אָן? אַ מענטש דאַרף וויסן זיין פּלאַץ. האָסטו געזען אַזוינס.

מ אַ ז ע

בין איך טאַקע אַוועק צו מיין פּלאַץ. דאַ איז מיין פּלאַץ.

ר ח ל - ל א ה

מיט טרערן

יעדע שמחה מוז אונז פארשטערט ווערן. דאָס — זיי, דאָס — ער.

מ אַ ז ע

וואָס וויינסטו, נארישע יידענע. דיין איידעם וועט זיך דאָס הארץ ניט אָפּעסן דערפון.

ר ח ל - ל א ה

ער וועט זיין אַ חכם — וואָס פאַר אַ כבוד האָט זיך דיר פאַר־וואָלט מיטאַמאָל.

מ אַ ז ע

אַז ווער זוכט כבוד?

ר ח ל - ל א ה

זאָג מיר, אַדרבא, וואָס האָסטו געכאַפּט הענט און פיס און אַנטלאָפן?

מ אַ ז ע

וואָס האָב איך דיר וואָס צו זאָגן? איך וויל קיינעם ניט מאַכן ענג. מיר איז גוט דאָ, אין מיינע פיר ווענט. שטיל, אַ מחיה.

ר ח ל - ל א ה

כאַפּט אַרויס דאָס ספר פון זיין האַנט

דו וועסט ניט לערנען, איצט איז ניט די צייט אויף דעם. סיידן דו ווילסט זיך מיט מיר צעקריגן. זאָלסט מיר שוין גיין צוריק. דו הערסט! עני איז ניט אונזער קינד, וואָס?

נעמט אים פאַר אַ האַנט און שלעפּט אים. מ אַ ז ע לאָזט זיך שלעפּן. גייט איר נאָך ביזן טיר און רייסט זיך אַרויס מיטאַמאָל פון אירע הענט

מאַזע

פּעסט

איך גיי ניט! *רחל-לאה לאָזט זיך אראָפּ אויף אַ שטול אין פאַרצווייפלונג.* אַז דער אָטעם פאַרכאַפּט מיר דאָרט. דער אָטעם. און די פיס ווערן אַזוי ווי אונטערגעהאַקטע. דאַכט זיך, אַן אייגענע טאָכטער, האַ, זין אייגענער איידעם — און די פיס ווערן ווי אונטערגעהאַקט — ווער זוכט כבוד? ווער דאַרף זייער כבוד? — אָך רבונו-דעלמא, רבונו-דעלמא... אויב אפילו כבוד — איז וואָס? אַ טאַטע איז נאָך גאָרניט אַזאַ לעצטע זאַך מען זאָל אים ניט דאַרפן אָפּנעמען קיין יאָרן. אָבער, וואָס רעדסטו? ווער זוכט כבוד? עפּעס אַנדערש, עפּעס אַנדערש —

רחל-לאה

איך ווייס ניט, וואָס דו רעדסט דאָרט.

מאַזע

דו האָסט באַדאַרפט זען מאָריס פּנים יעדעס מאָל, ווען ער האָט מיך באַדאַרפט פאָרשטעלן פאַר זיינע קרובים, פריינט — ביזנעס-לייט, פאַרשטייסטו מיך, אַזוינע מענטשן — ווי זאָל איך עס דיר זאָגן? אַך, דו וואָלסט זען זיין פּנים! היינט ענין, — אַן אמתער רחמנות אויף איר, איך זאָג דיר. אַזוי געדרייטלט זיך פאַר חרפּה, וואָס זי האָט נעבעך אַזאַ ניט לייטישן טאַטן — — און ס'איז ניט געווען, ווער עס זאָל זיך פאַר איר אָננעמען, פאַרענטפערן זי, אַז זי איז ניט שולדיק — נו, טאַקע, וואָס איז זי שולדיק? — „דאָס איז מיין טאַטע, מיסטער מאַזע" — אַזוי שטיל זאָגט זי עס, מיט אַ האַלבן קול, און אירע אויגן לאָזן זיך אַרונטער צו דער ערד... נו, זאָג אַליין, פאַרוואָס קומט איר אַזוי פיל חרפּה? — — רבונו-דעלמא — *רחל-לאה וויינט* נאָר דו טוסט און וויינסט. און וואָס — נעם, טו זיך פאַנאַנדער און בלייב אינדערהיים. אַך, דו מיינסט טאַקע, אַז איך בין אַזאַ נאַר צו עקשנען זיך פאַר אַ ביסל כבוד, וואָס מען האָט באַדאַרפט מיר געבן און ניט געגעבן — דאָס ווייס

איך שוין פון לאַנג. מען האָט מיר באַדאַרפט געבן אַ ביסעלע כבוד און ניט געגעבן — נו, איז ניט — אָבער עפּעס אַנדערש. אַן אַנ־דער ענין ליגט אין דעם, גאָר אַן אַנדער ענין ליגט אין דעם, גאָר אַן אַנדער ענין — ציטערט אויף ווייסטו וואָס, רחל־לאה, הייב זיך אויף און גיי אַליין.

רחל-לאה

קום אויך.

מאַזע

ניין איצט איז מיר שוין קלאָר. פריער האָסטו מיך נאָך געקענט איבעררעדן. איך בין דאָך אַ טאַטע, פונדעסטוועגן: כיין האַרץ, מיינסטו, האָט מיר ניט געטון — — איצט שוין ניט, מיין האַרץ טוט מיר שוין מער ניט ווי, — ניין, איצט בין איך ניט קיין טאַטע,

רחל-לאה

וואָס רעדסטו?

מאַזע

האָב ניט קיין מורא, איך זאָג זיך, חלילה, ניט אָפּ פון מיינע קינ־דער. נאָך אַלעמען זענען זיי דאָך ניט קיין ערגערע פון אַלע אַנדע־רע קינדער, און אפילו העריי — — אָט אַזוי איז דאָס. איך האָב עס שוין לאַנג געזען און געוואַרט נאָר, וואָס פון דעם וועט אַרויס־קומען — אַזאַ חשבון פיר איך מיט זיך. אי פאַר מיר. אי פאַר זיי. מעג איך דאָך אַמאָל אָנהייבן טראַכטן וועגן אונטערפירן דעם סך־הכל — ניט אַזוי, רחל־לאה? דער סך־הכל איז שוין אָבער פאַר מיר אַליין, פאַר זיי — ניט — — איצט בין איך ניט קיין טאַטע. ניין, עפּעס אַנדערש, אַן אַנדער ענין —

רחל-לאה

שפרינגט אויף מיט קראַפט

מיר טאָרן דאָס ניט טון. הערסט, וואָס איך זאָג דיר. מיין נאַרישער שכל באַנעמט עס ניט. מען טאָר ניט. אויף אַ קינדס שמחה דאַרף מען זיין. אויף אַ קינדס שמחה מוז מען זיין מאַזע באַטראַכט מיט גרויס נייגעריקייט איך בין אַ פּראָסטע יידענע. אַ מאַמע. איך פאַרשטיי ניט, וואָס דו רעדסט דאָרט. וואָס פאַר אַ חשבון אויף מיין קאָפּ ? — אָבער איך זאָג דיר, אַז דו זינדיקסט, מרדכי. איך זע ניט וואָס דו האָסט געמאַכט אַזאַ טאַראַראַם היינט ? — נו, זענען אַלע געסט ניט ווי דו, איז אַ ביסעלע ניט הימלעך. — איז וואָס ?

מאַזע

אַך, וואָס רעדסטו ?

רחל-לאה

שעמט מען זיך אַ ביסעלע מיט אונז. — נו, איז וואָס ? אַז זיי זענען אַלע יינגעלייט, היינט-וועלטיקע, אַמעריקאַנער ° —

מאַזע

אַך, וואָס רעדסטו — אַמעריקאַנער ; ווער האָט עפּעס צו אַמעריקאַנער ? —

רחל-לאה

איז וואָס-זשע ?

מאַזע

פאַרשטייסט — — טוט אַ מאַך מיט דער האַנט ניטאָ וואָס צו רעדן. ניטאָ.

רחל-לאה

רשע !

אָ

מ אַ ז ע

וויגט זיך אום איבערן ספר. בלייבט דערנאָך זיצן גלייך
און הייבט זיך אויף און גייט אום

רשע — רשע... רבונו-דעלמא...

ער זעצט זיך צוריק אויף זיין אָרט

עס קומען אַריין ע נ י און דער אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י. ע נ י —
אָנגעטאָן כלה-מעסיק. דער אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י, אַ גוט-
מוטיקער ייד פון אַ יאָר פופציק. — ספאָרטיש, מיט אַ
צילינדער און שטעקן

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

פרייליך

דאָס געפעלט מיר. זעסטו, ענילע, — דאָס איז וווּנדערבאַר. אַ ליכט.
אַ ספר.

ע נ י

מיט געבעט

פאַ, האַ, פאַ, קום צוריק.

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

וואָס, טאַקע ברוגז געוואָרן, מחותן?

מ אַ ז ע

איך בין ניט ברוגז, חלילה.

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

אָט דאָס וואָס איך טענה. וואָס איז דאָ ברוגז צו ווערן?... און
צוריקרעדנדיק, וואָס מיר. אַלטע לייט, מ'שטייגס געזאָגט, קענען
זיך שוין פרייען. זאָלן זיי הוליען, דאָס ייִנגוואַרג, מיין איך. זאָלן
זיי הוליען. זייער צייט... — און מיר, אַלטע לייט, — ניט אמת,
מחותן? — מיר דאַרפן גיין שלאָפן. שלאָפן. ווי איך בין אַ ייד...

וואונדערבאַר, וווּנדערבאַר... אַ ליכט, אַ ספר... וואָס ענילע, טאַקע אפילו גלעזלעך שוין צריינגעכאַפּט? איך מיין — איך...

מאַזע שמעלט זיך אויף אַ שטול און צינדט אָן דעם גאַז, לעשט אויס דאָס ליכט

ע נ י

איך האָב ניט געציילט. ווייזט אויס אַ היבש ביסל... פּאַ, נו בעט זיך איבער. קום.

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

לאָז מיך ענילע. איך וועל שוין איינטענהן... דו זאָגסט אַריינגעכאַפּט, אָבער ס'איז גאָרניט. אָט נעם איך באַלד און גיי מיר אַ היים אַוועק. וואָס טויגן מיר, אַלטע לייט? שטערן נאָר. — ניט אמת, מחותן?... איז ניט וואונדערבאַר? גיי, גיי, ענילע צו דיין שמחה... איך וועל שוין אַליין... וואָס מיינסטו דיר עפּעס? זענען מיר ניט קיין לאַנדסלייט? גיי, גיי, ענילע.

ע נ י

וועסטו קומען, פּאַ?

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

איך וועל שוין זען, גיי, גיי, ענילע ענ י וויל גיין לאָז מיך דיר אַ קוש טון. — וואָס לויפסטו? אַ שווער מעג מען אויך אַ קוש געבן. קושט זי נו לויף, לויף — איך וועל שוין זען. ענ י אַ טייער קינד, איך זאָג אייך, זינט זי האָט געאַרבעט ביי מיר האָב איך פון איר נחת. אַ טייער קינד.

זוכט ווו צו זעצן זיך

מ אַ ז ע

דערלאַנגט אים אַ שטול

איצט.

אלטער ליוואי

וועצט זיך

„דיינקס" — אַט, ווי איר זעט, איין ביסעלע געגומען בין איך שוין אַן אַנדער מענטש — ניט פאר אונז, אַלטע לייט, צו טרינקען. אָבער עס מאַכט ניט. איך זינדיק ניט. איך האָב, אַ דאַנק גאָט, ניט וואָס צו זינדיקן. טאַנצט מען ניט ווי זיי, — לאָזט מען זיי איבער געזונטערהייט און מען גייט אַהיים. קיין בייז, חלילה.

מאַזע

נו, יאָ,

אלטער ליוואי

אָבער אַ סוד וועל איך אייך זאָגן, מחותן. אז איך וועל נאָר וועלן טרייסל איך זיי אויס אַלעמען פון אַרבל, — אַט די אַלע יינגעלייטלעך, וואָס איר האָט געזען דאָרט. — מיינען — גאַנצע קנאַקערס. ביזנעסלייט אין אַמעריקע. וואָס ווייסן זיי פון ביזנעס? — אויף אַלעם פאַרטיקן גע,ומען — כע, כע — אַט זאָלן זיי פּרוּוון מיט אַ פּושקאַרט אָנהייבן, אַט די קנאַקערס — גאָר פונדאָסניי אָנהייבן, ווי איך מיט צוואָנציק יאָר צוריק — מיט אַ פּושקאַרט, — שטופּן, שטופּן דאָס וועגעלע מיט די צוויי רעדלעך — כע, כע —

מאַזע

נו, יאָ.

אלטער־ליוואי

אַ דאַנק גאָט, איך זינדיק ניט. געשטופּט דאָס וועגעלע, געשטופּט, געשטופּט, — אָבער דערשטופּט — איך האָב ניט ליב צו באַרימען זיך, — אָבער ס'איז גוט צו דערמאַנען עס אין פריידן. ווייל וואָס איז זיך צו שעמען? אין אַמעריקע, ברוך־השם, איז עס קיין שאַנדע ניט — ס'אי אַ גרויסע קונץ דאָס וועגע־

געלע, זאָג איך אייך. אַז, אַ גרויסע קונץ — און מען דאַרף עס שטופּן, מען מוז שטופּן דאָס וועגעלע — מען מוז שטופּן, מען מוז, מען מוז. נו, נעמט אַזאַ ייד, ווי איר —

מאַזע

וואָס איך?

אַלטער ליוואי

איך מיין, חלילה, גאָרניט. האָט קיין פּאַראיבל ניט. אָט אַזוי זענט איר שוין, זינט איך קען אייך, אַ שאַרפער ייד — איך זאָג נאָר: מען דאַרף ניט אַרונטערלאָזן די נאָז — אודאי איז דאָ ניט אזוי ווי דאָרט, „אין די אָלד קאָונטרי”; און ניט אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ יידן ווי איר — אַן אַנדער וועלט. אַן אַנדער וועלט —

מאַזע

וואָס מיינט איר צו זאָגן?

אַלטער ליוואי

איך מיין, חלילה, גאָר ניט. איך זאָג נאָר — מיט רוגזה, מיין פריינט, קען מען גאָרניט אויפטון —

שווערע פּויזע. מאַזע הויבט זיך אויף אַן אויפגערעגטער.

אַלטער ליוואי

אַז איר זענט אַ מאָדנער ייד. דאַכט זיך וואָס — און איר זענט שוין ברוגז געוואָרן — זעצט זיך, זעצט זיך...

מאַזע

איך בין ניט ברוגז אויף קיינעם.

אַ ל ט ע ר ל י וו א י

ניין. האָט זיך מיר נאָר אויסגעדאַכט אַזוי... און איר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגן, מחותּן: איר זענט טאַקע אַנדערש ווי אַלע. איך געדענק אייך נאָך פֿונדערהיים, — ווער געדענקט עס ניט די מאַזעס?... האָב איך טאַקע שוין אַליין פֿאַר די לעצטע טעג געטראַכט: ר' מרדכין דאַרף מען אַוועקשטעלן ביי אַ ריינערער אַרבעט...

מ אַ ז ע

שפּרינגט אויף

חלילה, חלילה, ווער זאָגט עפּעס...

אַ ל ט ע ר ל י וו א י

וואָס הייסט? אַז מיר גיבן אייך אַ לייכטערן דזשאָב.

מ אַ ז ע

אַז איך פֿאַרלאַנג ניט, איך פֿאַרלאַנג ניט קיין לייכטערן דזשאָב,

אַ ל ט ע ר ל י וו א י

איך פֿאַרשטיי אייך ניט. איך האָב שוין גערעדט אַפֿילו מיט מאָריסן. ער זאָגט אויך...

מ אַ ז ע

פֿעסט

איך פֿאַרלאַנג ניט. איך וויל ניט. גאָר ניט.

אַ ל ט ע ר ל י וו א י

היינט גיי ווייס. איך טענה דאָך אייך: עס קען ניט זיין...

מ אַ ז ע

וואָס קען ניט זיין?

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

אָט, איך ווייס וואָס זיי רעדן דאָרט... מכּה דעם סטרייק כּלומרשט, זיי זאָגן: איר אויך. און איך טענה: עס קען ניט זיין דאָך. בפרט נאָך איצט —

מ אַ ז ע

וואָס איז איצט?

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

איך מיין חלילה גאָרניט... זעצט אייך. וואָס איז מיט אייך?

מ אַ ז ע

אַרומגייענדיק

איר גיט אַ זאָג — איצט... וואָס איז איצט, מיינט איר?

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

גאָרניט, גאָרניט. זעצט אייך. זייט איר אַ כּעסן!

מ אַ ז ע

אַ כּעסן. וואָס פאַר אַ כּעסן. איר גיט אַ זאָג מיטאַמאָל — איצט, איר מיינט, אַז איצט איז שוין!

אַ ל ט ע ר ל י וו אַ י

איך האָב גאָרניט געמיינט... צו רייד געקומען, מען האָט גערעדט האָב איך געזאָגט... שטעלט זיך אויף אַ, פאַרדאַמט זאָל עס ווערן, אָט אַזוי ווי איר זעט, מחותן, איז שטענדיק נאָר טראָבל און טראָבל... ווייסט איר וואָס, מחותן, קומט, לאָמיר צו גיין אַ ביי סעלע.

מ אַ ז ע

ניין, ניט נויטיק.

אַלטער ליוואַי

וואָס איז? מען וועט נאָך פאַרברענגען אַ ביסל... די קינדער וואַרטן דאָך — צו דער אַרבעט קענט איר דאָך מאָרגן ניט גיין.

מאַזע

וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? וואָס עפּעס ניט גיין צו דער אַרבעט?

אַלטער ליוואַי

עס מאַכט ניט, איר וועט אייך אויסרוען אַ פּאָר טעג.

מאַזע

אַז ווער וויל זיך אויסרוען? איך וויל זיך ניט אויסרוען — — אויסרוען...

אַלטער ליוואַי

נו, גייט איר טאַקע ניט?

מאַזע

ניין, ניין.

אַלטער ליוואַי

זייט איר דאָך טאַקע אַן עקשן... נו איך וועל נאָך צוגיין אויף אַ ווײַלע. עס ווערט שפּעט. איז וואָס זאָגט איר, מחותּן, — ניין, איר גייט ניט — נו, האָט מיר אַ גוטע נאַכט.

מאַזע

אַ גוטע נאַכט.

אַלטער ליוואַי

אין טיר

אַי, זייט איר אַן עקשן — אַ גוטע נאַכט. אַ גוטע נאַכט.

אָפּ

מאַזע זעצט זיך צוריק צום ספר. מיטאַמאָל — מען קלינגט. מאַזע שפּרינגט אויף מיט כּעס, וויל לויפן צו דער טיר עפענען, ערשט די, וואָס האָבן געקלונגען, זענען שוין אַריינגעקומען: אברהם דין און ר׳ עליע. ביידע עלטערע יידן. ר׳ עליע — אַ זקן; מאַזע קוקט זיי אָן פאַרחידושט

ביידע יידן

גוט וואָך, גוט וואָך — גאָר אָפן די טיר ביי איין, מרדכי.

מאַזע

גוט וואָך, גוט יאָר, זיצט.

דין

אין אַמעריקע דאַרף מען האַלטן די טיר צוגעשלאָסן. און נאָך ביי נאַכט. אַבי מיר קלינגען.

ר׳ עליע

איך טענה דאָך. ס׳איז אָפן, זעט איר?

דין

גאָר איינער אַליין, ר׳ מרדכי?

מאַזע

יאָ, אַליין,

ר׳ עליע

איינינקער אַליין, אַי, אָי, אַי, אַ לעבן אויף איין. זיצט און לערנט: איינינקער אַליין.

ביי‌גט זיך איבער די גמרא מיט ושעדנע אויגן

מאַזע

מען קוקט אַריין אַ ביסל אין אַ ספר.

ר׳ עליע

אַנטציקט

טאַטעלעך מײנע, אָט זענען דאָך די ליכטיקע אותיותלעך — שוין לאַנג ניט אָנגעקוקט זײ אין די אויגן... אײ, אײַ, אײַ. פאַרזינדיקט, פאַרזינדיקט... זיצט אײנינקער אַלײן און לערנט. אַ לעבן אויף אײך — — —

מאַזע

פאַרוואָס זיצט איר ניט?

דין

זײט זיך ניט מטריח, ר׳ מרדכי. שוין גוט.

זעצט זיך — ר׳ עליע באַדעט אום אַרום דעם ספר

מאַזע

וואָס איז ר׳ עליע? אַזוי אויסגעהונגערט זיך אין אַמעריקע?

ר׳ עליע

אָי, אָי, אויסגעהונגערט זיך. אַזוי ווי אין אַ מדבר אויסגעהונגערט זיך נאָך גאָטס וואָרט... זיצט אײנינקער אַלײן און לערנט, אַ לעבן אויף אײך — — — געפינט זיך ניט קײן אָרט איר זעט, — רבי יוסא אומר — — — פאַרזינדיקט, יידן, ווי שטײט געשריבן דאָרט? קלאַפּט זיך אין שטערן שוואַך געוואָרן אויפן זכרון, ניט פאַר אײך געדאַכט... פאַרגעסן. אַזאַ ליכטיקע וועלט — און אינגאַנצן אָפּגעמעקט פון זכרון... אַבי אײנער געפינט זיך נאָך, וואָס האַלט אַ ספר אין האַנט — זיצט אײנינקער אַלײן און לערנט, אַ לעבן אויף אײך.

דין

האַרט

נו, זעצט זיך שוין, ר׳ עליע, וואָט האָט איר זיך צעגאָסן אַזוי? ווער לאָזט אײך ניט אַרײנקוקן אין קײן ספר?

ר׳ עליע

האַ, וואָס? געראכט, געראכט, ר׳ אברהם. שמיץ קומט מיר, פייער־דיקע שמיץ. און מען וועט טאַקע שמייסן . . . אָי, אָי, וועט מען שמייסן . . . מען טאָר ניט פאַרגעסן, מען טאָר ניט. שכחה איז די גרעסטע עברה . . .

זעצט זיך אַריין אין אַ שטול

דין

צו מאַזע

מוין אודאי אַ בן־שבעים.

מאַזע

אפשר טרינקען אַ קאַלט ביסל וואַסער ר׳ עליע?

ר׳ עליע

ניין, ר׳ מרדכי, זייט זיך ניט מטריח. ניט דורשטיק, אַ לעבן אויף אייך... אַנטקעגן דעם וואָס איר זאָגט: אַ ספר — עס פעלן מיר דען ספרים? שטייען אויסגעשטעלט ביי מיר אין שאַפּקעלע. נאָך פון דאָרט געבראַכט... אָבער וואָס זאָל איך לייקענען, ליבע יידן, — איך בין זיך פאַר אייך מודה-ומתודה, שוין פון יאָרן ניט אַריינגעקוקט אין זיי...

דין

ווער לאָזט אייך ניט?

ר׳ עליע

האַ? וואָס? שייך צו זאָגן — מען לאָזט מיך ניט... ניט קיין תירוץ, ניט קיין תירוץ... וואָס הייסט מען לאָזט מיך ניט? אַ גאַנצן טאָג — ווייסט איר דאָך, מען קלייבט די שמאַטקעלעך... און ביי נאַכט — מען קומט אַ היים, איז קוים וואָס מען בענטשט אָפּ, שוין קלעפּן זיך די אויגן, אַ לעבן אויף אייך... און מיין אַלטיטשקע ביז הונדערט און צוואָנציק יאָר, ליגט שוין צוויי יאָר צו בעט... די פיס,

נ־ט פאַר אייך געדאַכט, די פּיס — איז אפילו שבת קען מען זיך ניט אָוועקזעצן מיט קיין רויקן קאָפּ. און אויף אַ ספר דאַרף מען אַ רויקן קאָפּ האָבן, אַ ליכטיקן, ליבע יידן... ווי שטייט געשריבן? פאַרגעסן, פאַרגעסן — און אַז איך נעם שוין יאָ אַמאָל אַ ספר, איז — אַ חרפה גאָר צו דערציילן...

מאַזע

פאַרוואָס אַ חרפה, ר׳ עליע?

ר׳ עליע

האָ? וואָס? זאָלט איר מיר געזונט זיין, ר׳ מרדכי, ס׳פינטלט אין די אויגן, אָט וואָס. דאַכט זיך די אייגענע אותיותלעך, און דאָך ניט די אייגענע — ניט אַמאָליקע — שפּרינגען, דרייען זיך און — אויס... אַזוי ווי אַ רויך וואָלט זיי צוגעדעקט — — — חושך, ממש חושך —

מאַזע

פאַרוואָס טראָגט איר ניט קיין שפּאַקולן, ר׳ עליע?

ר׳ עליע

שפּאַקולן? אודאי, איך האָב שפּאַקולן, ווי דען? אָבער ניט דאָס, ר׳ מרדכי. אַז ס׳איז ממש חושך — וואָס העלפן שפּאַקולן?... אַ מאָל כאַפּ איך זיך אויף ביי נאַכט און וויל צוגיין אַרויסנעמען אַ ספר, איז, וואָס מיינט איר. איך גיי, מיינט איר צו? חס־וחלילה — איך זיץ אויפן בעט אַזוי, די אַלטע מיינע זאָל ניט הערן, און קוק פונדערווייטנס — אַזוי ווי ניט אין מיין שטוב גאָר — ווייט, ווייט שטייען זיי... און אַזעלכע מחשבות קומען אין קאָפּ — ניט קיין תירוץ, ניט קיין תירוץ —

דין

איר זאָלט אים לאָזן אַזוי רעדן, איז — ביז טאָג. גענוג שוין, ר׳ עליע. מיר זענען דאָך געקומען — —

מ אַ ז ע

עס מאַכט, עס מאַכט ניט.

ר׳ ע ל י ע

וואָס איך רעד דען אַ סך ? פון מיינעטוועגן —

ד י ן

איר פאַרשטייט דאָך, ר׳ מרדכי, נאָך וואָס מיר זענען געקומען. איר שטויסט זיך שוין אָן.

מ אַ ז ע

איך מיין —

ד י ן

איז אַזוי, ר׳ מרדכי. אויף דינסטאָג פרי האָבן די יידן אונזערע אָפּגעמאַכט —

מ אַ ז ע

וואָס הייסט אָפּגעמאַכט ?

ר׳ ע ל י ע

אָפּגעמאַכט, אַ לעבן אויף אייך אָפּגעמאַכט.

ד י ן

מיר האָבן דאָך געהאַט אַן אסיפה. וואָס הייסט, אַז איר זענט ניט געקומען ?

מ אַ ז ע

הייסט דאָס, אַז די מתים ווילן טאַקע גיין טאַנצן . . . ווייניק חרפות, האַ ?

ד י ן

וואָס רעדט איר, ר, מרדכי ?

מ אַ ז ע

שמאַטניקעס האָבן איין זאַך נאָר צו טון — קלויבן שמאַטעס...

ר׳ ע ל י ע

אַז זיי זאָגן אַלע; מען דאַרף אַרויסגיין אין אַ סטרייק, הייסט עס וואָס שייך — זיי ווייסן בעסער... איר וואָלט באַדאַרפט הערן ווי מאַליך האָט דאָרט גערעדט — אַי, אַי, — אַ לשון. אַ מזיק, זאָג איך אייך. מען דאַרף, זאָגט ער, דעם טרייד פון שמאַטניקעס אויך אָרג... ווי זאָגט מען עס?

ד י ן

אָרגאַניזירן, ר׳ עליע.

ר׳ ע ל י ע

גאָלדענע ווערטער, ר׳ מרדכי — דעם טרייד פון שמאַטקעלעך אָרגאַניזירן, אַ לעבן אויף אייך — — —

ד י ן

דריי דאָלאַר אַ וואָך אַ רייז און ניין שטונדן. ניט מער.

מ אַ ז ע

גייט אַרום איבערן שטוב

אַזוי? ניין שטונדן? אַזוי? און ניט מער?

ד י ן

אָבער איך טענה, מען דאַרף ניט רייצן זיך. מיט אַנדערע דרכים דאַרף מען.

מ אַ ז ע

וואָס פאַר אַ דרכים?

דין

אָט דאָס איז דאָך וואָס איך טענה: מען דאַרף גיין צו ליוואַי, צום יינגן, ניט צום אַלטן, — דער אַלטער איז, נו, האָט קיין פּאַראיבל ניט —

מאַזע

מאַכט מיט די הענט

נו, נו, איר מעגט רעדן.

דין

מען דאַרף גיין צום יינגן און זאָגן: אַזוי און אַזוי... מיט גוטן, ניט מיט בייזן — — וואָס הייסט, וואַרפן די אַרבעט ? יידן דאַרפן גיין מיט גוטן, וואָס שייך —

מאַזע

פּעסט

מען דאַרף ניט גיין!

דין

וואָס הייסט ?

מאזע

ניטאָ קיין גייעניש. וואָס פאַר אַ גייעניש אויף אייך. ניט צום אַלטן און ניט צום יינגן. צו קיינעם ניט — רבונו-דעלמא, וואָס איז אייך אַלעמען מיט אַמאָל אַזוי ערגער געוואָרן ? וואָס פאַר אַ בהלה מיט אַמאָל ?

ר׳ עליע

אַי, אַי, אַ לעבן אויף אייך, ר׳ מרדכי, גאָלדענע ווערטער.

דין

שווייגט, ר׳ עליע... איך פאַרשטיי אייך ניט, ר׳ מרדכי. אפשר איר

קענט איך דערווייזן, איך מיין — איך גייט עס אפשר ניט אַזוי אינם לעבן —

מאַזע

וואָס? רעדט קלאָר. איך פאַרשטיי אייך שוין. איר זענט ניט דער ערשטער, וואָס גיט מיר אַזוי אַ זאָג. טוט אַ קלאַפּ אויפן טיש אַז איר וועט עס מיר נאָך אַמאָל זאָגן -- קענט איר אייך גיין פון דאַנען, אַזוינע ווערטער וויל איך ניט הערן.

דין

חלילה, חלילה, ר׳ מרדכי, איך האָב ניט געמיינט.

ר׳ עליע

מיט גוטן, מיט גוטן, ר׳ מרדכי, אַ לעבן אויף אייך.

דין

נעמט אָן מאַזען פאַר די הענט, זעצט אים אַנידער

נו, נו, ר׳ מרדכי, קיינער מיינט ניט, חלילה...

ר׳ עליע

אָי, אָי, איר כאַפּט דאָך ניט וואָס ר׳ מרדכי מיינט. ער איז דאָך געערעכט. אַזוינע יידן, ווי מיר — אַ רייז, ווער דאַרף אַ רייז? אַי, אַי, אַי, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאַר די רייד... ווי ר׳ מרדכי זאָגט — שמאַטניקעס. געאַרבעט ביז אַהער שטיל, איז וואָס עפּעס מיט אַמאָל? האַ? ס׳טייטש, ווי קומט עס?... אַ לעבן אויף אייך, ר׳ מרדכי. אַבי איין ייד איז נאָך פאַראַן, וואָס האָט ניט פאַרלוירן די ביסעלע גאווה, די יידישע גאווה — וואָרים, ווי שטייט געשריבן... מאַטערט זיך צו דערמאָנען הרס הנשבר, אָט, אָט — און אויס.

דין

ווילט איר טאַקע ניט נעמען אויף זיך צו רעדן מיטן יינגן?

מאַזע

ניין.

דין

דער שאַפּ האָט דאָך אונז אויסגעקליבן מיר זאָלן גיין צו אייך וועגן דעם.

מאַזע

געגוג הרפות, געגוג... ביזן האַלדז שוין. אָט ביז דאַנען שוין... זאָגט די יידן, אַז איך הייס ניט.

דין

איר זענט אָבער דער איינציקער, וואָס קען זיך משתדל זיין.

מאַזע

שפיכת דמים האָט אַ גרענעץ, צי ניט? איך פרעג אייך? — בזיון האָט אַ מאָס, צי ניט? האַ? איר הערט, וואָס איך זאָג אייך: איך בין ניט מסכים, אויף קיין זאַך ניט. ניט מסכים. ר׳ עליע ויצנדיק דרעמלט איין רעגס. די טבע פון רעגס איז אַרונטערפאַלן פון טיש, פון אונטער דער שער, און אָפּגעשאַרט ווערן מיטן פוס — און אַז עס קלויבן זיך אָן גאַנצע קופּעס, נעמט מען זיי אַהין, ווו מען דאַרף... אין איין פּלאַץ. איר ווייסט ניט, וואָס מען טוט מיט רעגס? איר ווייסט ניט, האַ? איר ווייסט ניט?

דין

אוי, אוי, וואָס רעדט איר ר׳ מרדכי?

מאַזע

ווייזט אויף ר׳ עליען

איר זעט? עמעצער דאַרף אים, האַ? עמעצער פרעגט אויף אים? אָפּגעשניטן מיטן שער, אַרונטערגעשליידערט — איז וואָס זאָל ער טון? זאָל ער זיך אויפכאַפּן שרייען, מאָנען? צו וועמען זאָל ער

שרייען, און ביי וועמען זאָל ער מאַנען? ביי זיי, ביי די ליוואַיס? זיי וועלן ראַטעווען?... איך בין ניט מסכּים, איר הערט, איך בין ניט מסכּים!

ד י ן

קלאַפּט מיטן פינגער איבערן טיש

איר מעגט שוין אויפשטיין, ר׳ עליע. מיר׳ן אַהיים גיין.

ר׳ ע ל י ע

כאַפּט זיך אויף

אַי, אַי, ניט געזען גאָר ווי איינגעדרימלט... שוואַך, שוואַך, ניט פאַר אייך געדאַכט.

ד י ן

קומט, ר׳ עליע.

ר׳ ע ל י ע

לאָזט זיך צום טיר. צו מאַזען

נו, וואָס אָפּגעמאַכט, אַ לעבן אויף אייך?

ד י ן

בייז

אָפּגעמאַכט, אָפּגעמאַכט, קומט. אַ גוטע וואָך, ר׳ מרדכי. האָט קיין פאַראיבל ניט.

מ אַ ז ע

אַ גוט יאָר, אַ גוט יאָר. גיט אַכטונג ווי איר גייט פון די שטיגן, ר׳ עליע.

ר׳ ע ל י ע

אַ גוטע וואָך ר׳ מרדכי... שוואַך, שוואַך. זוכט די מזוזה און קושט זי. שוין אַרויסגייענדיק הערט מען זיין קול אַ רייז, ווער דאַרף אַ רייז?

בײדע ײדן אָפּ. — מאַזע שטײט בײם טיש און בלעטערט מיט ציטערדיקע הענט דאָס ספר, רחל-לאה לױפט אַרײַן אַ צװײטן מאָל

רחל-לאה

אַ פֿאַרצװײפֿלטע

װײ איז מיר, װײ איז מיר...

מאַזע

דערשראָקן

װאָס איז, רחל-לאה?

רחל-לאה

װי קענסטו דאָ זיצן? װי קענסטו דאָ אײנזיצן? מרדכי, איך בעט דיך: קום צוריק, קום צוריק.

מאַזע

אַז איך קען דאָרט ניט זײן... מײן בלוט װערט פֿאַרצאַפּט... גװאַלט! װאָס װילט איר פֿון מיר האָבן? װאָס װילט איר פֿון מיר אַלע האָבן? פֿון אַלע זײטן —

רחל-לאה

כאַפּט זיך אַרױף אױף אַ שטול און לעשט אױס דעם גאַז

אָלסט מיר שױן גײן צוריק... איך װעל דאָס ניט אױסהאַלטן — שלעפּט אים פֿאַר די הענט

מאַזע

לאָזט זיך שלעפּן

װאָס װילט איר פֿון מיר האָבן? רבונו-דעלמא... פֿון אַלע זײטן, פֿון אַלע זײטן...

רחל-לאה שלעפּט אים אַװעק מיט געשרײען, אײנטענהדיק מיט אים

פֿאָרהאַנג

דריטער אַקט

אַ שאַפּ פֿון רעגס. אויף גרויסע, לאַנגע טישן ליגן הויכע קופּעס פֿון אַלערליי סחורה־רעשטלעך. מערסטנטייל — קליינע, דינע ווי צעבראָכענע לענטעס. איניקע קופּעס — פֿון גרויסע שטיקער, אַ געמיש פֿון אַלערליי קאָלירן שטאָפֿן. פֿיל קופּעס ליגן אויפֿן דיל. אין איין אָרט ליגן די פּעקלעך, וואָס זענען אויסגעסאָרטירט געוואָרן. יעדער קאָליר אין באַזונדערע בינטלעך. בײַ די טישן פֿון בײדע זײַטן שטײען עלטערע ײדן, יעדער בײַ זײַן קופּע און קלויבן שטיקער, קאָליר צו קאָליר. אייניקע אַרבעטן בײַ קופּעס, וואָס ליגן אויפֿן דיל: זיי זיצן אויף נידעריקע טאַבורעטקעס און רירן זיך מיט די הענט, וואַרפֿן די לענטעס רעכטס און לינקס. אויפֿהויבנדיק געדיכטן שטויב איבער זיך. — עס אַרבעטן בײַ צוויי מנינים ײדן, אַלע כמעט אין עלטער פֿון איבער פֿופֿציק יאָר. אייניקע שוין גאָר זקנים. זיי אַרבעטן און זענען דאָך ניט קיין אַרבעטער. ס'איז ניט אין זיי דער שטעל, ניט דאָס באַוווּסטזײַן און ניט די זיכערקייט פֿון אַן אַרבעטער. עפּעס אַ פֿוילקייט, אָפּגעלאָזנקייט, אַ ביטול הענגט איבער זיי אַלעמען, און אין די פֿינגער פֿון זייערע הענט, ווי זיי רירן זיך אין די שטויביקע שמאַטקעס, ליגט אַזאַ מין געבראָכענער צער און אומבאַהאָלפֿנקייט. אָט דער געבראָכענער צער פֿילט זיך נאָך מער אין זייערע בערד, יאַרמולקעס, וואָס זיי טראָגן אַלע אויף די קעפּ און אָפּגעריסענע פֿאַרשטויבטע בגדים און שיך. — מען זעט גלייך, אַז דאָס זענען ײדן, אַריבערגעקומענע פֿון אַנדערע לענדער. אויף די פּנימער פֿון אייניקע זענען נאָך ניט פֿאַרגאַנגען די סמנים פֿון אַמאָליקער למדנות, באַלעבאַטישער שטאָלץ און יחוסדיקייט. — ווי פֿאַרשידן זיי זענען ניט אייגנע פֿון די אַנדערע פֿילט זיך אין זיי עפּעס אַלגעמיינס, אַזאַ מין קרובהשאַפֿט, וואָס זייער איצטיקער שטאַנד און גורל האָט אויסגעשפּאַרט אויף זיי. — זיי זעען אויס ווי אַ סטאַדע שאָף, וואָס אַ שטורעם האָט צוזאַמענגעטריבן אונטער איין דאַך. די סטאַדע פֿילט און שפּירט, אַז דער שטורעם וועט שוין קיינמאָל ניט אויפֿהערן. — אין זייערע רייד און באַוועגונגען איז ניטאָ קיין קראַפֿט און ניט קיין ווילן און ניט קיין האָפֿנונג —

נעמט ער צו דער סצענע אויף טאַבורעטקעס זיצן שמואל מאַזע און ר' עליע. — עטלעכע טירן פֿירן אין פֿאַרשידענע אָפּטיילונגען פֿון שאַפּ. איין טיר — צו די טרעפּ פֿון די אַנדערע עטאַזשען און אויך אַן אַרויסגאַנג צום גאַס. אַ פּאָר יידן טראָגן ארויס די פֿאַרטיקע בינטלעך, גייען הין און צוריק, ברענגען נייע פּעקלעך, אָנגעפּולטע זעק מיט רעגס. אַ ייד פֿון יאָר פֿערציק מיט אַ שפּיציק בערדל, אַ פֿאָרמאַן קומט פֿון צייט צו צייט באַטראַכט די אַרבעט, פֿאַרשווינדט ערגעץ אין די טירן פֿון אַנדערע אָפּטיילונגען. — עס איז אַ זייגער עלף אין פֿרימאָרגן. די זון שיינט אַריין דורך די פֿענסטער, באַלייכט דעם שטויב, וואָס טראָגט זיך אין דער לופֿטן. — ווען דער פֿאָרהאַנג הייבט זיך אויף שטייען אַלע ביי זייערע פּלעצער און אַרבעטן, און מען זעט גלייך אַז היינט, מער ווי אַלעמאָל, גייט די אַרבעט פֿויל איבער-געוואַלט. אַלע פּנימער זענען אָנגעשטרענגט. עס גייט אָן אַ שמועס פֿון אָנפֿאַנג שטיל. דורכוואַרפֿנדיק זיך מיט ווערטער אַזוי פֿונדערווייט איינע צו די אַנדערע, און ביסלעכווייז ווערט דער שמועס העכער. עס שמועסן אַלע, יעדער מיט זיין שכל. טיילמאָל הערט מען נאָר אַ מורמל, קיין ווערטער גאָרניט: מאַזע שווייגט די גאַנצע צייט, זיצט אַריינגעטון אין די רעגס, וואָס נעבן אים און טוט ניט אפילו אַ הייב דעם קאָפּ. העכער פֿון אַלעמען הערט מען די עטלעכע יידן, וואָס אַרבעטן אויפֿן לאַנגען טיש לינקס:

ר' איצע

ס'האָט מיר אַ פּנים פֿון חוזק די גאַנצע מעשה...

ר' חיים

וואָס עפּעס? ס'הייסט?

ר' זלמן

פּע. פּע, ר'איצע. — אחדות.

ר' איצע

זאָלן מער שונא-ציון ניט לעבן וויפֿיל איך וועל דאָ אייגאַנצן שטיין.

ר׳ חיים

אָבער כל־זמן מען שטייט — שטייט מען דאָך.

ר׳ איצע

גאָט וועט מסתּמא העלפן. אייביק טאַקע בײַ די שמאַטעס, מיינט איר —

ר׳ חיים

ווידער די קענדי סטאָר, ר׳ איצע, האַ?

ר׳ איצע

אם־ירצה־השם, אם־ירצה־השם.

ר׳ חיים

שוין צייט אויפהערן וועגן דער קענדי סטאָר, ר׳ איצע... שוין וויפיל יאָר אַז איר רעדט: שוין אַ דאַנק גאָט — פינף יאָר...

ר׳ איצע

נו, איז פינף יאָר — גאָט וועט העלפן, גאָט וועט העלפן.

ר׳ חיים

ניט אַזוי לײַכט פּטור צו ווערן פון די שמאַטעס... האַ, ווען האָב איך אָנגעהויבן? — פון די ערשטע געווען, גאָר פון די ערשטע... אַ קליין שאַפּקעלע געווען — אַנדערע יידן געזוען דעמאָלסט, שטאַרקערע.

ר׳ איצע

איין ביסעלע געלט פעלט מיר אויס — אָבער גאָט וועט העלפן...
מיינט ניט, איך האָב שוין אָנגעקוקט אַ פולע סטאָרקעס — — —
נעכטן אויך געזען אַ פיין סטענדל, גאָר אַ פיינס... אַלע טאָג פון דער אַרבעט, ווען איך גיי, כאַפּ איך מיר אַ קוק — אַ שותּף מיט אַ ביסעלע געלט — אָבער ווו קריגט מען אים?

ר׳ זלמן

אַ גוואַלטיקער יחוס אַ קענדי סטאָר, שייך צו זאָגן.

ר׳ איצע

געפעלט אייך ניט דער יחוס? שטייט אייך דאָ, ווער לאָזט אייך ניט.

ר׳ זלמן

מען וועט שטיין, ר׳ איצע. אוי וועט מען שטיין. וואָס דען? מען וועט ניט שטיין? וווהין וועט מען גיין אַנדערש? די גאָלדענע געשעפטן וואָס וואַרטן אויף אונז, האַ? מען האָט דאָך טאַקע אָנגעגרייט פאַר אונז... יאָ אַ רייז, ניט אַ רייז — מען וועט שטיין.

אַ ייד

פונם צווייטן עק טיש, אַ שמאַמלער

אויב שוין ביזנעס, איז אַ פּושקאַרט דאָס בעסטע. פרעגט מיך, איך וויים.

ר׳ איצע

זעט נאָר, ווער עס רעדט וועגן אַ פּושקאַרט. מען דאַרף קענען אַ מויל עפענען.

אַ ייד

פון צווייטן עק טיש

ניש קשה, צווישן יידן ווערט מען ניט פאַרפאַלן. אַז מען קען ניט קיין ענגליש איז שוין עק וועלט, וואָס? אַ וואָרט אַהער, אַ וואָרט אַהין. מען כאַפּט שוין.

ר׳ איצע

איר רעדט ווי אַ גרינהאָרן. ער דערציילט מיר וועגן ביזנעס.

עטלעכע יידן
פון דער זייט

קוקט אים אָן דעם אַמעריקאַנער.

ר׳ איצע

לענגער פון אייך אין אַמעריקע.

די יידן
פון דער זייט

גיט אים אָפּ מזל=טוב, יידן. מזל-טוב, מזל=טוב, ר׳ איצע.

געלעכטער. ר׳ איצע פּאַר כעם מורמלט עפּעס מיט די ליפּן

ר׳ זלמן

אָבער וואָס נעמט עס ביי זיי אַזוי לאַנג, האַ? יידן, גייט ווער צו שטילערהייט צום אָפּיס, אָבער שטילינקערהייט.

ר׳ חיים

עס גייען ניט די הענט היינט, עס אַרבעט זיך ניט.

עטלעכע יידן

פון מיטן דיל: שטעלן זיך אויף, האַלטן אין די הענט רעגס

— וואָס פאַר אַ מזל=ברכה עס קען שוין זיין אין אַזאַ אַרבעט. מען שטייט ווי אויף שפּילקעס.

— אַזוי ווי ערב=שבת.

— זיי מיזן זיך דאָרט שטאַרק האַמפּערן, אודאי.

— אָבער וואָס זאָגט איר אויף מאַליצן, האַ? ער האָט ניט מורא.

— אויב עס זאָל חלילה גאָר ניט ווערן, קען ער נאָך פאַרלירן דעם דזשאַב.

— וואָס הייסט? אַלע צוזאַמען. מען טאָר עס ניט דערלאָזן.

— אויב ער וועט ניט נאָכגעבן וועלן מיר אַרונטער אין סטרייק. וואָס, מיר׳ן ניט קענען סטרייקן?

זיי קומען זיך צוזאַמען און בילדן אַ רעדל

א ייד

פון צווייטן עק טיש. הויך

יידן, יידן, זעצט זיך צו אייער ארבעט, וואָס פאַר אַ רעדל אינ־מיטן דרינען. באַלד קומט קרח אַריין.

די יידן

פון רעדל

— קרח איז אויף דאָרט, מסתמא, אין אָפיס. וואָס דען?
— ער וועט ניט אַריינשטעקן זיין נאָז?
— וואָס מיינט איר? אייביק מורא האָבן פאַר קרחן?
— מיר וועלן אויך קענען סטרייקן. מען דאַרף פּרווון אַמאָל. אָנלערנען.
— מיטן אַלטן וועט מען גאָרניט מאַכן. איך זאָג אייך, אַ ייד — אַ גזלן.
— ששש, שטילער אַ ביסל, יידן.
— און אויב ער וועט געבן איין דאָלאַר אַ רייז, וואָס וועלן מיר טון, האַ?
— דריי דאָלאַר, דריי, ניט ווייניקער.
— איך ווייס, מען וועט שוין זען. זאָל ער נאָר דעם איין דאָ־לאַר געבן.
— דריי דאָלאַר, דריי דאָלאַר. ניט ווייניקער.
— נו, מילא, מילא, וואָס שייך. כ׳מע...

ר׳ זלמן

אָן לאָזט מיך נאָר. אז אַלע האָבן מורא צו גיין אַ קוק טון.

גייט צו דער טיר

שטימען

ר׳ זלמן, מען דאַרף ניט. מען דאַרף ניט קריכן.

ר׳ זלמן

שטילינקערהייט, שטילינקערהייט.

גייט אַרויס

ר׳ איצע

ועט נאַר, ר׳ זלמן איז פאַרקאָכט אַזוי. אַ געוואַלטיקע מעשה.

ר׳ עליע

הייבט אויף זיין קאָפּ פון איבער זיין אַרבעט

יידן, יידן, אַי-אַי-אַי-אַי אַ לעבן אויף אייך. וואָס פאַר אַן אסיפה אינמיטן שאַפּ. דערווייל דאַרף מען אַרבעטן... ניט רעכט, ניט רעכט.

איינער

פון רעדל

היינט מעג מען, ר׳ עליע, היינט מעג מען. איך האָב נאָך אפילו קיין צען פונט ניט אָפּגעקליבן.

ר׳ עליע

וועט מען אייך אַרונטערעכענען. וואָס איז דאָ צו רעדן. אַי-אַי-אַי, ניט רעכט, יידן

איינער

פון רעדל, צעלאָזט זיך

קומט, ר׳ עליע, קומט. גענוג צו אַרבעטן. כאַפּט אָן ר׳ עליען פאַר אַ האַנט עפּעס אַ ניגונדל, ר׳ עליע. פון די, וואָס איר קענט. וואָס זאָגט איר, יידן?

ר׳ עליע

רייסט זיך אַרויס פון אים

אַי-אַי-אַי, וואָס איז מיט אייך, ר׳ מאיר? מען דאַרף אַרבעטן. וואָס שייך? — ניט רעכט אַזוי.

פיל שטימען

— אַ ניגונדל, ר׳ עליע, נו, נו, מיר וועלן אינטערהעלפן.
— אַן „אתה-הראיתהלע״.
— אַ „ויתן-לך״.
— ניין, ניין, אתה הראית, ר׳ עליע. נו, ר׳ עליע.

ר׳ עליע

אַי-אַי-אַי, אַ טומלעניש אויף אייך, טאַטעלעך מיינע.

איינער

פון רעדל

סוף-הזמן, ר׳ עליע. באַלד גיין הוליען אַ ביסל, פון חדר אַרויס.

ר׳ עליע

אַי-אַי-אַי, משטיינס געזאָגט, די שמאַטקעלעך וועלן נאָכגיין. די שמאַטקעלעך וועלן סיי ווי סיי...

איינער

פון רעדל

יידן בעטן, ר׳ עליע. אַזוי פיל יידן בעטן... נו, נו, הייבט אָן — אַז ניט וועל איך אָנהייבן פאַר אייך, און איר וועט אַרויסהעלפן —

ר׳ זלמן

קומט אַריין צוריק

קרח גייט.

אַלע יידן דערשראָקענע צעלויפן אויף זייערע ערטער, כאַפּן זיך יעדער צו זיין אַרבעט

פאָרמאַן

קומט אַריין

וואָס איז דאָס, האַ? — וואָס מיינט איר אייך? מיסטער ליוואַי וועט

איין אומזיסט צאָלן געלט? אַלע יידן נעמען אַרבעטן פּלייסיק — שווערע שטילקייט. — מען הערט דאָס שאָרכן פון די שטיקלעך סחורה. — איך וועל אַרונטערעכענען. ביי וועמען עס וועט פעלן וואָג וועל איך אַרונטערעכענען. ווער אַרבעט אויף די רויטער, ר׳ עליע? איר?

ר׳ עליע

אודאי, אודאי. אָט זענען זיי. וואָס דען?

פּאָרמאַן

ווענדט זיך צו אַ פּאָר יידן

נעמט אַ טייל פון ר׳ עליעס רעגס. איך דאַרף די רויטע פריער פון אַלע די פּאָר יידן נעמען פון ר׳ עליעס קופּע, טראָגן אַריבער צו זיך: — געאַרבעט זאָל מיר זיין, איר הערט? גייט צום טיר, מיט ביטול סטרייקער אין אַמעריקע.

אָפּ — אַלע אַרבעטן; — די שווערע שטילקייט פילט זיך נאָך שטאַרקער

אַ ייד

פון צווייטן עק טיש

אַזאַ קרח. איינגעזונקען זאָל ער ווערן.

קיינער ענטפערט ניט — שטיל —

ר׳ זלמן

ער איז אין כעס. ער ברענט. ער האָט וואָס צו ברענען. מאַליך גיט זיי דאָרט אַ גאָב.

שטימען

איר האָט געהערט?

ר׳ זלמן

אודאי האָב איך געהערט. קרח האַלט מיטן באַלעבאָס. וואָס דען? מיט אונז וועט ער האַלטן?

אַ יי ד

פֿון צווייטן עק טיש

אַזאַ עוכר-ישראל. זיינע דאגות צו מישן זיך. ער וועט אויך צו לייגן דער באַבעס ירושה.

ר׳ זלמן

מיט התפעלות

אָבער גיט מאַליץ אַ גאָב. ער האָט אַ צינג! אַן אמתער דרשן, זאָג איך אייך. ער קערט וועלטן.

ר׳ איצע

זעט, ווי ר׳ זלמן איז פאַרקאָכט אַזוי. אַ געוואַלטיקע מעשה..׳ שאַ, מיר׳ן הערן וואָס ר׳ מרדכי זאָגט.

מאַזע

איך בעט אייך לאָזט מיך צורו.

עטלעכע

מיט אַמאָל

וואָס זענט איר אַזוי אָנגעקוואָלן, ר׳ איצע? וואָס איז מיט אייך די שמחה?

ר׳ איצע

וואָס איז אַזוינס? איך טאָר שוין ניט פרעגן?... ווען ר׳מרדכי אָבער מישט זיך אַריין, וואָלט צו דעם ניט געקומען. פאַרוואָס זאָל זיך טאַקע ר׳ מרדכי ניט אַריינמישן, האַ? איך פרעג אייך?

מאַזע

לאָזט מיך צורו, איך בעט אייך, איך בעט אייך.

ר׳ איצע

וואָס? ר, מרדכי וואָלט געקענט אַ פולע פועלן — און ער וויל

גאָרניט אַפילו אַ וואָרט פאַרוואָרפן... אים אַרט שוין ניט — וואָס ? ניש קשה, ער האָט געמעגט גיין פאַר אונז... אַז אים אַליין גייט עס שוין ניט אום לעבן — איז וואָס ?

עטלעכע שטימען

אודאי, אַז עס גייט ניט אום לעבן... אַז מען קריגט שוין אַ שטי־קעלע צד —

ר׳ עליע

מיט אַ פּישטשנדיקן קול, מיט כעס

וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד. שטיל זאָל זיין — פע, שעמט זיך, יידן׳ ר׳ מרדכי איז עפעס עלטער פון אייך ? פאַרכאַפּט זיך צוריק, שטילער ענטפערט ניט, ענטפערט ניט, ר׳ מרדכי. נו שוין, זאָל זיין שלום.. אי־אַ־אַי, ווי פאַסט עס פאַר יידן.

דער עולם הייבט ווידער אָן צו גרופּירן זיך אין רעד־לעך, רעדן הויך, היצן זיך, מען הערט אָפט מרדכים נאָמען. דער טומל ווערט גרעסער און מען הערט שוין גאָרניט

ר׳ עליע

שטעלט זיך אויף און נעמט שרייען

וואָס האָט איר זיך אַלע צעטומלט, טאַטעלעך מיינע... ניט שיין, יידן, ניט שיין — דערווייל דאַרף מען אַרבעטן... גזלה, יידן. אמתע גזלה

די יידן נעמען זיך פונאַנדערגיין צו זייערע פּלעצער

איינער

ר׳ עליע איז שוין דאָ מיט זיין מוסר.

ר׳ עליע

האָ ? וואָס ? שייגעץ איינער. מוסר ? — שוין עק וועלט, וואָס פּטור שוין פון אַלץ, האַ ?

שטימען

פטור, ר׳ עליע, פטור.

ר׳ עליע

האַ, וואָס? אַזוינע שיינע יידן... ניט רעכט, ניט רעכט.

ר׳ זלמן

מיסטער ליוואַי דאגהט אויך אַזוי פאַר אונז, ר׳ עליע? ניש קשה, ניש קשה, ער האָט געננוג.

ר׳ עליע

אַי-אַי-אַי, איר זאָלט דאָס אַזוי רעדן, ר׳ זלמן. ער האָט געננוג — מסתמא באַדאַרף ער האָבן — טאַטעלעך מיינע... מיסטער ליוואַי — וואָס איז די נפקה-מינה? מיסטער ליוואַי, צי ניט מיסטער ליוואַי... זאָל דאַכטן, ניטאָ אויף דער וועלט קיין מיסטער ליוואַי. וואָס איז די נפקה־מינה?

ר׳ זלמן

ס׳איז שוין גאָר אַ נפקה-מינה.

דער עולם לאַכט

ר׳ עליע

לאַכט, לאַכט... צי, אַי, טאַטעלעך מיינע. ניט שיין, ניט שיין.

פונם עולם

לאָזט אָפּ אויף אַ ווײַלע די טאַטעלעך, ר׳ עליע... שוין געהערט, שוין געהערט.

עס קומען אַריין אברהם מאליץ און דין, עס ווערט שטיל. אַלע קוקן מיט נייגעריקייט

מאַליק

יידן, אומזיסט אַלע רייד. אַרויסגעוואָרפן.

ד י ן

האָט איר געהערט אַזוינס? אַ האַלבן דאָלאַר אַ רייז גיט ער.

ד ע ר ג אַ נ צ ע ר ע ו ל ם

פופציק סענט?

ש ט י מ ע ן

ניט דערהאַרן וועט ער.

מ אַ ל י ך

און קיין שטונדן וויל ער אינגאַנצן ניט אַרונטערלאָזן.

אַלע שווייגן שטיל, צעטומלט

ר׳ ז ל מ ן

פון דריי דאָלאַר קוים פופציק סענט. ס׳איז דאָך אַ נבלה, יידן. לאָמיר אים באַווייזן, אַז מיר קענען אויך עפּעס טון.

ש ט י מ ע ן

— זאָל מען וואַרפן די אַרבעט.

— ניט באַדאַרפט גיין צו אים אינגאַנצן אויב אַזוי. אַזוי לאַנג בעטן זיך.

מ אַ ל י ך

אַז איר האָט דאָך אַלע געשריגן: עס פּאַסט ניט. עס פּאַסט ניט. אָט — האָט איר. איך האָב פון פריער געוווסט. איך קען איס שוין גוט.

ר׳ ז ל מ ן

און וואָס זאָגט דער יינגער ליוואַי?

מ אַ ל י ך

איך ווייס... אַ באָס איז אַ באָס. אַן אַלטער, צי אַ יינגער.

ר׳ איצע

און איך זאָג, אַז מען האָט מיטן אַלטן גאָרניט באַדאַרפט רעדן. ביים יינגן וואָלט מען געפּועלט.

שטימען

כאָטש נאָך אַ דאָלאַר.

מאַליץ

גו, אדרבא, ר׳ איצע זייט איר אַ בריה, גייט און רעדט.

ר׳ איצע

אַז איך וואָלט געגאַנגען, וואָלט אַנדערש געווען, מען דאַרף קענען רעדן.

ר׳ זלמן

אַחדות, יידן, אחדות.

אַ ייד

פון צווייטן עק טיש

אַז ער וואָלט געגאַנגען! — קוקט אים אָן דעם בריה! אַז ער וואָלט געגאַנגען. איך וויס... עס האָט מיר אַ פּנים פון חוזק די גאַנצע מעשה. לויפט צו צו ר׳ איצען קוקט אים אָן... טע, טע, טע. חוזק, וואָס חוזק? קרומט אים איבער איר זייט אַליין אַ חוזק, טפו.

ר׳ איצע

וואָס? שפּייען זיך? לאָזט מיך, יידן, צו אים.

טומל — געשרייען

ר׳ עליע

לאָזט זיך מיט צעשפּרייטע הענט, שלעפּט אַוועק דעם יידן צו־
ריק צום צווייטן טיש

יידן, יידן, טאַטעלעך מיינע. גאָר שלאָגן זיך? מיאוס, פע, פע,

צו ר׳ איצען מיט די הענט גאָר? טופעט מיט די פיס שטיל זאָל מיר זיין! הפקר אַ וועלט — האַ? צום ייד פון צווייטן עק טיש וואָס פאַר אַ שפּייען זיך, האַ? אויף יידן מעג מען שפּייען? אַז סטרייקן — פאַרלירט מען שוין דעם פּרצוף=אלקים, האַ? נאָך איידער וואָס, ווען — שוין עק וועלט?

ר׳ איצע

ר׳ מרדכי וואָלט געקענט מערער פועלן. פאַרוואָס האָט ער ניט געוואָלט גיין?

פּיל שטימען

טאַקע, טאַקע, אַן עולה. ר׳ איצע איז גערעכט. ר׳ מרדכי האָט באַדאַרפט גיין זיך משתדל זיין. אַ גרויסע עולה. אַ גרויסע עולה.

טומל

מאַליך

יידן, אָן טומל. זאָל מען זיין שטיל. וואָס איז דאָ צו האָבן טענות. ר׳ מרדכי האָט ניט געוואָלט, וואָס קען מען טון? לאָמיר נעמען און אַרונטערגיין. אַלע.

ר׳ זלמן

ר׳ אברהם איז גערעכט. מיסטער ליוואַי וועט זען, אַז מען גייט אַרונטער, וועט ער בעסער ווערן.

שטימען

לאָמיר פּרווון. כאָטש נאָך איין דאָלאַר.

מאַזע

הייבט זיך אויף פון זיין בענקעלע, אויף וועלבן ער איז די גאַנצע צייט געזעסן און געאַרבעט. ד׳רשראָקן אָבער פעסט

מ׳וועט ניט אַרונטערגיין, זאָג איך. מען וועט דאָ בלייבן. מען וועט ניט גיין, זאָג איך. קיינער ניט.

שטימען

דאָס מיינט דאָס? וואָס הייסט?

ר' עליע

מיט גוטן, ר' מרדכי, מיט גוטן.

מאַזע

דאָ וועלן מיר בלייבן. וווהין וועלן מיר גיין? וווהין? — איך פרעג אייך. מיר האָבן ניט וווהין צו גיין. אַ האַלבן דאָלאַר גיט ער אייך — גיט עס אים אָפּ צוריק... אַז איר וועט זיך איינשפּאַרן שטאַרק — וועט ער אייך געבן נאָך אַ דאָלאַר — גיט אים אָפּ דעם דאָלאַר אויך.

טומל און געשרייען

מאַליץ

שרייט איבער אַלעמען

הדן, שטיל זאָל זיין. ר' מרדכי איז טאַקע אַ ייד וואָס מיר ייאָבן אָפּשיי פאַר אים. אָבער ער איז ניט גערעכט. מיר וועלן ניט בלייבן דאָ. מיר וועלן אַרונטערגיין. מיר זענען טאַקע אַלטע יידן, אָבער נישקשה, אַז מיר וועלן זיך האַלטן צוזאַמען, וועלן מיר אויספירן. און דאָ איז ניט קיין אָרט פאַר צולהכעיסן, ר' מרדכי. איך זאָג אייך אָפּן.

ר' עליע

יידן. אָן רוגזה. מיט גוטן, מיט גוטן. אי־אי־אי, אַ לעבן אויף אייך.

מאַזע

צו להכעיסן? קלאַפּט זיך אין האַרצן אָט דאָ ליגט עס ביי מיר. שוין טעג נאָכאַנאַנד, אַז איך זיץ און הער, און די גאַל פּלאַצט אין מיר פאַר חרפּה.

מ אַ ל י ץ

ס'איז ניט קיין חרפּה.

מ אַ ז ע

פאַר וועמען — אַ כבוד אַפילו, פאַר אונז — אַ חרפּה. שוין אַכט יאָר, ברוך־השם, אַז איך זיץ אָט אַזוי אויפן טאַבורעטקע און קלייב אָט די שמאַטעס. אַכט יאָר — נו, ווי אַזוי זאָל איך עס זאָגן, פאַר אייך מעג איך דאָך זאָגן: אַלט יאָר ירידה... אַכט קיילעכדיקע יאָר... נאָר איך אַליין דען, וואָס?... מיר אַלע... איז וואָס מיטאַמאָל אַזאַ געשריי פון אייך? וואָס עפּעס מיטאַמאָל פרעג איך?... און צו וועמען דער געשריי?... צו וועמען?... רעגס — אָט וואָס מיר זענען געוואָרן אַלע... און רעגס ציט צו רעגס... אָפּגעשניטן — אַרייַנגעוואָרפן אַהער... יאָ, רעגס זענען אַמאָל געווען גרויסע שטיקער זייד, געלעגן אויף אַ פיינעם פּלאַץ, היינט — זעט איר דאָך אַליין, וואָס פון די גרויסע שטיקער זייד איז געוואָרן? ברעקלעך. גאַרניט... איז וואָס טוען רעגס? איר זעט ניט וואָס זיי טוען? *טייַטלט מיט די פינגער אויף די קופּעס* זיי ליגן... אָט דאָ ווו מען באַדאַרף, ליגן זיי... אין קופּע ליגן זיי... אין זעק...

ש ט י מ ע ן

וואָס פאַראַ יחוס מיטאַמאָל. ניטאָ קיין יחוס אין אַמעריקע. ניטאָ.

מ אַ ז ע

זאָג איך אייך נאָכאַמאָל, אַז איך וועל ניט מסכּים זיין. אָט דאָ האָט מען אָנגעגרייט אַ פּלאַץ פאַר אונז... אַלע האָבן מיר גע־טראָפן דעם וועג אַהער... אַרונטער פון דער געדולד — איז אַהערצוצו... איז שטיל זאָל זיין. קיין פּיפּס ניט... *טומל.* — מ אַ ז ע *מיט געבעט* יידן, יידן, איך בעט אייך. איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז איך בין, חלילה, ניט קעגן אייך. איך בין דאָך מיט אייך — אָבער צי דען דאַרפן מיר אַ רייז, אָדער ווייניקער שטונדן?

מיר דאַרפן דאָך עפּעס אַנדערש — מיר דאַרפן, מיר דאַרפן — ווי זאָל איך אייך זאָגן — עמעצער זאָל קומען און אונז אינ־גאַנצן אַרויספירן פון דאַנען — אינגאַנצן — קומט ער דאָך אָבער נאָך ניט — ער קומט ניט — טאָ זאָל זיין כאָטש שטיל — אַפילו פינף דאָלאַר אַ רייז — איז וואָס וועט זיין? ניטאָ קיין שלום מיט שמאַטעס! — ניטאָ קיין שלום. זעצט זיך צו דער אַרבעט און שטיל זאָל זיין —

מ אַ ל י ץ

אפשר בעטן מיסטער ליוואַי ער זאָל אונז נאָך אַרונטערנעמען פון אונזער שכירות? אפשר זאָלן מיר אים נאָך צוצאָלן פאַרן גרויסן חסד וואָס ער טוט אונז?

מ אַ ז ע

מיט וויטאָק

אי, אי, אי:

ר׳ אי צ ע

צזוי קומט טאַקע אויס. מאַליץ איז גערעכט. ר׳ מרדכי דאַרף אונז ניט זאָגן צווינע ווערטער. מיר ווייסן אַליין —

מ אַ ל י ץ

ר׳ מרדכי וויל אונז ווי טון. פאַרוואָס קומט עס אונז? אודאי דאַרף ער ניט רעדן צווינע ווערטער. כל־זמן מען לעבט דאַרף מען לעבן —

ר׳ אי צ ע

ר׳ מרדכין איז לייכט צו זאָגן, מען דאַרף ניט פאַדערן — מיר ווייסן, מיר ווייסן.

מ אַ ז ע

אויפגעקאָכט

וואָס ווייסט איר? זאָגט! וואָס ווייסט איר?

ר׳ ע ל י ע

ר׳ מרדכי, אַ לעבן אויף אייך —

מ אַ ז ע

איך האָב שוין דאָס געהערט עטלעכע מאָל, און איך וויל אַזויגס ניט הערן מער. רוצחים! קלאַפּט זיך אין האַרצן ווער האָט די העזה צו זאָגן, אַז איך בין עפּעס אויסן. לאָזט זיך אַרונטער אויף דער טאַבּורעטקע; מיט פֿאַרצווייפֿלונג מען איז מיך גאָר חושד...

בלייבט זיצן אַ פֿאַרלוירענער

ר׳ ע ל י ע

ר׳ מרדכי נעמט אייך ניט צום האַרצן. צום עולם ווער מעס חוצפּה איז דאָס געווען חושד צו זיין ר׳ מרדכין? ווער איז דאָס דער שגץ, האַ?

מ אַ ל י ך

חס-וחלילה. קיינער איז ניט חושד. קיינער ניט.

ש ט י מ ע ן

אודאי ניט אודאי ניט. הלילה, חלילה.

עס קומט אַריין דער אַ ל ט ע ר ל י וו א י. זעט, אַז די יידן שטייען ניט ביי זייערע ערטער, מאַכט זיך ניט וויסנדיק דערפֿון. דער ע ו ל ם לויפֿט צו שנעל צו דער אַרבעט, אַזוי ווי נאָך ניט געווען

אַ ל ט ע ר = ל י וו א י

זוכט מיט די אויגן איבער די קופּעס

די רויטע רעגס, האַ? איך דאַרף האָבן די רויטע רעגס... ווער אַר-

ר׳ עליע

וואָס הייסט? נאָך וואָס זוכן? אָט ליגן זיי, שוין אָפּגעקליבענע.

נאָך אַ פּאָר יידן

דאָ אויך, מיסטער ליוואַי. פּאַרטיק שוין, אַלע אָפּגעקליבענע

ליוואי

אַזוי, אַזוי, פיין. וויפיל באָנדלעך — פינף? נאָך צוויי דאַרף איך. נאָך צוויי באָנדלעך וועגדט זיך צו נאָך אַ פּאָר יידן ווער וועט העלפן ר׳ עליען נאָך אַ פּאָר באָנדלעך אָפּקלייבן?

אַ פּאָר יידן נעמען גיין צו ר׳ עליעס קופּע

מאַליץ

מען זעט, אַז ער וואַגט ניט, דאָך נעמט ער זיך אָן מוט

מיסטער ליוואַי, איר מאַכט זיך כּלא־ידע... מיר האָבן אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אויב איר גיט אונז ניט —

ליוואי

לאָזט אים ניט ענדיקן

האָסטו געהערט אַזוינס? איך רעד — צו ר׳ עליען, כאַפּט ער זיך גאָר אַרויס... דערוואַקסענע יידן, ברוך־השם, ניט קיין יינגלעך.

מאַליץ

מיר וועלן ניט אַרבעטן מער. אויב איר וועט אונז ניט געבן וואָס מיר פאַרלאַנגען...

אַלע יידן שווייגן. מאַליץ קוקט אויף אַלעמען מיט די אויגן, בעט מען זאָל אים אונטערשטיצן

ר׳ זלמן

מיר פאַרלאַנגען דאָך ניט פיל.

נאָך שטימען

אודאי, ווער פאַרלאַנגט עס אַ פולע... מיסטער ליוואַי פאַרשטייט דאָך אַליין...

ליוואי

נו, נו, זייט ניט אַזוי אויפגערעגט, יידן. כאַפּט נאָר ניט. וואָס איז דאָ צו איילן זיך. מיר זענען אַ דאַנק גאָט אַלע יידן — מען וועט דורכקומען —

מאַליץ

מיר ווילן וויסן שוין. איר פירט אונז שוין צוויי חדשים —

ליוואי

איך זאָג דאָך אייך: מען וועט דורכקומען — איך האָב זיך אַביסעלע געהיצט פריער — אָן סכנה. איר קענט דאָך מיך. איך בין, אַ דאַנק גאָט, ניט קיין גזלן. נאָך קיינעם ניט דערהרגעט. אַדרבה. שוין וויפיל יאָר, אַז איר שטייט אין מיין שאַפּ — האָב איך וועמען געקריוודעט? אדרבא, זאָגט. איר ווילט ניט אַרבעטן שבת? — האָב איך דען ניט מסכים געווען? אַפילו קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. אדרבה זאָל איך עס פאַרדינען אין דער מינוט וויפיל מיך קאָסט דאָס האַלטן צוגעמאַכט דעם פלאַץ שבת און ניט זונטאָג. אָבער, אַז איר ווילט ניט, אדרבא.

שטימען

וואָס אמת איז אמת.

ליוואי

אָט זעט איר. אַי וואָס איך האָב זיך געקאָכט אַביסל — איר

האָט וואָס פאַראיבל צו האָבן, וואָס איז צו רעדן; אַז אסור, איב מען וועט דורכקומען.

שטימען

מיר ווילן וויסן.

ליוואַי

נו וואָס שייך? שטעלט זיך אַרבעטן. דערווייַלע שטעלט זיך אַרבעטן.

מאַליץ

מיר ווילן וויסן שוין.

ליוואַי

אים האָט איר ניט וואָס צו הערן. איר האָט, אַ דאַנק גאָט, אַליין אויך שכל. פאַראַן דאָ קלוגערע יידן פון אייך, און עלטערע אויך אַביסל... ר׳ עליע איז, דאַכט זיך מיר, אַביסל עלטער פון אייך און אַביסל מער למדן אויך, האָסטו געהערט אַזוינס. — —

ר׳ עליע

וואָס שייך?

ליוואַי

וואָס ר׳ עליע? איר אויך?

ר׳ עליע

וואָס שייך? אחרי רבים להטות, אַ לעבן אויף אייך.

מאַליץ

אויב איר גיט אונז ניט וואָס מיר פאַרלאַנגען, גייען מיר גלייך אַרונטער פון דער אַרבעט.

ל י וו אַ י

וואָס אַ סטרייק? צעלאַכט זיך אוי, יידן וואָס איר זייט. שטעלט זיך אַרבעטן און מאַכט זיך ניט נאַריש — איר וועט דאָך מאָרגן קומען בעטן זיך צוריק — נו, נו, מען וועט דורכקומען גייט צו צו מאַזען נו, און איר ר' מרדכי, וואָס זאָגט איר? מאַזע ענטפערט אים ניט איר אויך?

מ אַ ז ע

און אָנגעצונדענער

וואָס עפּעס — אויך.

שאָקלט אים אָפּ פון זיך מיטן האַנט מיט פאַראַכטונג. ל י וו א י
א צעטומלטער טרעט אָפּ אויף צוריק

ל י וו א י

נו, נו.

אָפּ אין אָפּים. — — דער ע ו ל ם איז צעטומלט. — מ אַ ל י ץ
מוט אָן דער ערשטער אויף זיך זיין קאַפּאָטע גרייט אַרויסצוגיין.
נאָך אַ פּ אָ ר יי ד ן נעמען זיך אָנטון, גייען צום טיר, קוקן מיט
שאַרפע בליקן אויף די איבעריקע. ביסלעכווייז נעמען אַלע, גייען
שטיל, ניט אַנטשלאָסענערהייט, קוקן מיט בלאָנדזשנדיקע אויגן
איינע אויף די אַנדערע. די לעצטע בלייבן איבער ר' ע ל י ע און
מ אַ ז ע

ר' ע ל י ע

האַלט אין אָנטאָן זיין קאַפּאָטע, איין אַרבל הענגט נאָך אַרונ-
טער

ר' מרדכי, אַ לעבן אויף אייך, וואָס זיצט איר, קומט, זיי זענען דאָך שוין אַלע צרונטער. געפונט מאַזעס ראָק און טראָגט אים אַרונטער טוט זיך אָן ר' מרדכי. אַז אַלע יידן גייען דאַרף מען מיטגיין. אַז אַלע יידן — —

מאַזע

וווהין וועל איך גיין, ר׳ עליע? ניטאָ וווהין צו גיין. ניטאָ ווו־הין צו גיין.

ר׳ עליע

שלעפּט אים פאַראַ האַנט, שטעלט אים אויף

קומט, קומט, ר׳ מרדכי, אחרי רבים להטות — מען טאָר ניט בלייבן — אַ גרויסע עבירה — אַז אַלע יידן גייען, — מסתמא דארף מען — קומט, קומט, אַ לעבן אויף אייך.

שלעפּט אים פאָרן האַנט. ר׳ מרדכי גייט אים נאָך ביזן טיר בלייבט ווידער שטיין

מאַזע

צושפּאַרנדיק זיך צום טיר

וווהין וועל איך גיין? — צוואָס? פאַר וועמען? ניטאָ וווהין צו גיין.

ר׳ עליע

ווי וועט איר דאָ איבערבלייבן, טאַטעלעך מיינע? איינינקער אַליי צווישן די שמאַטעס — מען טאָר ניט, מען טאָר ניט.

שלעפּט אים

מאַזע

ניין, ניין, ניין...

ר׳ עליע קוקט, קוקט, שאָקלט מיטן קאָפּ. גייט אַרויס אַליין שלעפּנדיק נאָך זיך דעם ניט אָנגעטועגעם ארבל. — מאַזע שטייט אַביסל צייט נעבן דער טיר, שאַרט זיך צו צו אַ ווינקל און שטייט מיטן פּנים באַהאַלטן צום וואַנט שטיל. ער גיט מיט־אַמאָל אַ ציטער מיטן גאַנצן קערפּער. טוט אַ כאַפּ אויף זיך דעם ראָק און נעמט האַסטיק אַרויסלויפן. ער איז נאָך ניט אַריבער די

שוועל, ערשט די יידן הויבן אָן קומען צוריק. דער ערשטער קומט אריין ר׳ איצע, שטויסט זיך אָן מיט מאַזען פּנים אל פּנים. —

מאַזע

מיט שרעק

וואָס איז ר׳ איצע?

ר׳ איצע

שלעכט, שלעכט, ר׳ מרדכי. שלעכט מיט אונז — זיי גייען צו־ריק.

אַ פּאָר יידן הייבן אָן אַרויפצוקומען

מאַזע

אַן אויפגערעגטער

קיינער זאָל ניט אַרויפקומען׳ גענוג הרפּות, גענוג... אַרונטער־געגאַנגען איז אַרונטערגעגאַנגען. צוריקגיין!

לויפט אַרונטער די טרעפּ און שלעפּט אַלע יידן מיט זיך פון שאַ אַרויס

פאָרהאַנג

פערטער אַקט

אין מאַועס שטוב. זונטאָג פאַר האַלבן טאָג. ר ח ל - ל א ה, סיי-
ד י טרינקען טיי

ס יי ד י

ביסטו כאָטש צופרידן, מאַמע?

ר ח ל - ל א ה

הלואי וואָלט דער טאַטע געווען אַזוי צופרידן.

ס יי ד י

וואָס זאָגט ער

ר ח ל - ל א ה

דאָס איז דאָך די צרה, וואָס ער זאָגט גאָרניט. גייט אַרום אַ גאַנצן טאָג און שווייגט.

ס יי ד י

אָבער פאָרט —

ר ח ל - ל א ה

אַז מען קען ביי אים קיין טאָלק ניט דערגיין. וויפיל איך שטיי ניט צו צו אים: מרדכי, וויפיל איז דער שיעור צו בלאָזן זיך? די וואַנט ענטפערט — אַזוי ענטפערט ער.

סיידי

אַ מאָדנער ייד. אז ער האָט געאַרבעט איז געווען שלעכט, אז מען האָט אים אַרויסגענומען פון שאַפּ — איז ווידער שלעכט. כ'לעבן, איך פאַרשטיי ניט.

רחל־לאה

אָט ווי דו זעסט, פאַלט עס אַלץ אויף מיין קאָפּ. איך דאַרף עס אַלץ אויסשטיין. בלאָזט זיך — פרעג וואָס, פרעג ווען. ווילסט נאָך אַ גלאָז, טאָכטער?

סיידי

ניין, מאַמע, אַ דאַנק. צו הייס צו טרינקען.

רחל־לאה

אַז ווי קען מען עס זיין ניט צופרידן? אַ קלייניקייט — אויפהערן אַלע פרימאָרגן זיך צו איילן אין שאַפּ אַריין. און נאָך פאַר זיין עלטער. ער פלעגט דאָך אויפשטיין פינף אַ זייגער פאַרטאָג. גיין כּריער אין שול אָפּדאַווענען. היינט קען ער שלאָפן שפּעטער — מיינסטו, שלאָפט ער?

סיידי

שוין צוגעוווינט אַזוי.

רחל־לאה

אַז די נאַכט שלאָפט ער דאָך אויך ניט. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — איך האָב מורא פאַר אים. זינט ער האָט אויפגעהערט צו גיין אין שאַפּ, מאַכט ער ניט צו מיט קיין אויג אַ גאַנצע נאַכט. וואַרפט זיך אויף אַלע זייטן, רעדט עפּעס צו זיך אַליין, אַז אַ מורא באַפאַלט מיך.

סיידי

אַ כּשרה פילט ער ניט גוט?

רחל-לאה

הלואי אויף ווייטער. ניין, ס'איז עפּעס אַנדערש. און וואָס? אַזוי פיל יאָרן געוואַרט אויף דעם. די קינדער! וועלן אים אַרויסנעמען פון שאַפּ. ער האָט טאַקע ניט געערדט וועגן דעם קיינמאָל, אָבער ער האָט דאָך געהאָפט, איך ווייס — נו, אַ דאַנק דעם וואָס לעבט אייביק, דערלעבט. פטור געוואָרן. איך האָב געמיינט: ער וועט האָבן די גאַנצע טעג פאַר זיך — וועט קענען אַריינקוקן אין אַ ספר, אַריינגיין צו דעם, צו יענעם. דו ווייסט דאָך, דער טאַטע האָט ליב געהאַט אַריינצוגיין צו מענטשן. ערשט — ערגער נאָך.

סיידי

וואָס־זשע טוט ער גאַנצע טעג?

רחל-לאה

אָט ווי דו זעסט. דרייט זיך אַרום ווי אַ שאָטן. בייז, אויפגערעגט, עסט ניט, נעמט ניט קיין ספר אין האַנט. עפּעס איז מיט דעם מענטשן ניט גלאַט, זע איך. און אַז איך הייב אָן וויינען, — נו, זאָג אַליין, ווי קען איך אויסהאַלטן, אַז דאָס האַרץ וויינט אין מיר, — האָט ער נאָר איין ווערטל: וואָס וויינסטו, יידענע — ניטאָ וואָס צו וויינען.

סיידי

עס וועט מסתמא איבערגיין, מאַמע. דו דאַרפסט אים דאָך שוין קענען.

רחל-לאה

אַז אַ מענטש זאָל אייביק זיין אין רוגזה, אייביק עסן זיך אַליין — האָט זיך אָפּגעריסן פון אַלעמען, פון לאַנדסלייט, פון באַקאַנטע, נאָר מיט זיך און מיט זיך. ער רעדט דאָך אפילו מיט מיר אויך קיין וואָרט ניט אויס — לעצטנס האָט ער אויסגעפונען עפּעס איינעם אַ ר' עליען, זיצט ער דאָרט אָפּ גאַנצע טעג.

ס יי ד י

ווער איז דער ר׳ עליע?

ר ח ל - ל א ה

אַ ייד פון שאַפּ. מיט אים צוזאַמען געאַרבעט. איז ער עפּעס ניט געזונט געוואָרן... נעכטן אויך אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג אָפּגעזעסן בײַ אים. קוים אַרײַנגעפּאַלן אין שטוב צו הבדלה.

ס יי ד י

וואָס איז ער זייער קראַנק דער ר׳ עליע?

ר ח ל - ל א ה

איך קען דען וויסן, מײַנסטו? דער ייד איז שוין אַ זקן.

פּויזע

ס יי ד י

ער ווייס דאָך, דער טאַטע, אַז עני גיט צו שטײַער, יאָ?

ר ח ל - ל א ה

אודאי ווייסט ער. איך וועל דען באַהאַלטן פון אים? — איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, מאָריס איז אַ גאַנץ ווילער ייִנגערמאַן. פאַר ענין — אין פייער און אין וואַסער. ער לאָזט זי ניט אָפּ אויף קיין מינוט. און אַז זי האָט אים געזאָגט וועגן צו שטײַער געבן, איז אדרבא, קיין שלעכט וואָרט ניט אַרויסגערעדט.

ס יי ד י

אָבער מיט די ייִדן האָבן זיי ניט גוט געהאַנדלט, מאַמע: און עני איז אויך שולדיק.

ר ח ל - ל א ה

וואָס איז זי שולדיק?

ס ײ ד י

זי באַרימט זיך נאָך. איך האָב אַלײן געהערט.

ר ח ל - ל א ה

אָ, דו װעסט הערן װאָס עני פּלאַפּלט. פרעג זי בחרם. אַז מאָריס האָט זיך גאָרניט געמישט. דער אַלטער אַלץ —

ס ײ ד י

כּלומרשט ניט געמישט זיך.

ר ח ל - ל א ה

אַזױ װי זײ האָבן אינגאַנצן באַדאַרפט זיך אָנהײבן. זײ האָבן דאָך געװוסט, אַז מיטן אַלטן װעלן זײ גאָרניט מאַכן. און אינאמתן — זײ זענען דאָך גלײך אױף מאָרגן צוריק געקומען אַרבעטן. אַלע ביז אײנעם. נאָר מיאוס געמאַכט זיך.

ס ײ ד י

אָבער דעם טאַטן קרענקט עס. איך בין זיכער.

ר ח ל - ל א ה

אָבער װאָס קען דער טאַטע טון ? ס'איז ניט זײן זאַך צו מישן זיך. ס'איז דאָך ביזנעס.

ס ײ ד י

װוּ איז דער טאַטע הײנט ?

ר ח ל - ל א ה

מסתמא בײ ר' עליען.

ס ײ ד י

און װוּ איז הערי ? זינט ער איז געקומען פון קאָונטי, האָב איך אים אינגאַנצן אײנמאָל געזען.

ר ח ל - ל א ה

ער זעט אויס פיין, האַ? און ס׳איז גאָר אַן אַנדער הערי געוואָרן איך זאָג דיר: וואַרפט זיך ניט אַזוי, שליידערט זיך ניט — גאָר אַן אַנדער קינד געוואָרן. איך וואונדער זיך אַליין.

ס יי ד י

טאַקע? איך בין זייער צופרידן.

ר ח ל - ל א ה

און ער חלשט דאָך זיך איבערצובעטן מיטן טאַטן.

ס יי ד י

דאָס איז פיין.

ר ח ל - ל א ה

דו מיינסט טאַקע, אַז ער איז אַזאַ שלעכט קינד?

ס יי ד י

איך מיין גאָרניט. און דער טאַטע רעדט טאַקע גאָרניט מיט אים?

ר ח ל - ל א ה

קיין וואָרט ניט די גאַנצע צייט.

א קלונג. ר ח ל - ל א ה גייט עפֿענען און קומט אַריין מיט ע נ י ן

ע נ י

סיידי איז אויך דאָ? העלאָ, סיידי.

ס יי ד י

העלאָ. וואָס מאַכסטו?

ע נ י

פיין. דער טאַטע איז ניטאָ?

ר ח ל - ל א ה

ווערט מסתמא באַלד קומען. וואָס מאַכט מאָריס?

ע נ י

פיין. און ווו איז הערי? איך האָב אים שוין ניט געזען איך ווייס אַליין ניט וויפיל. פאַרוואָס קומט ער ניט אַרויף צו מיר ווען?

ר ח ל - ל א ה

קענסט ניט הערין? ווען האָט ער צייט? איצט איז אַ סדרה באָל, גאַנצע טעג שפילט מען אין באָל.

ע נ י

אי דו סיידי, פאַרוואָס זעט מען דיך ניט די גאַנצע צייט?

ס יי ד י

קאַלט

אַז מען וויל — קומט מען און מען זעט.

ע נ י

דו ביסט, דאַכט זיך, אָנגעבלאָזן, סיידי.

ס יי ד י

אויף וועמען האָב איך זיך צו בלאָזן?

ר ח ל - ל א ה

זיץ ענע, וועסט אפשר טרינקען טיי?

ע נ י

אַ דאַנק, מאַמע. איך דאַרף באַלד אַהיים גיין. מאָריס קומט היינט

פרי. זעצט זיך מיר פאָרן היינט אויס מיט דער מאַשין. ווילסט אפשר מיטפאָרן, סיידי?

סיידי

ניין, אַ דאַנק.

עני

ווילסט ניט, וועל איך זיך ביי דיר ניט בעטן.

סיידי

איך פאַרלאַנג ניט מען זאָל זיך בעטן ביי מיר.

רחל-לאה

וואָס קריגט איר זיך?

סיידי

איך קריג זיך ניט. איך זאָג, אַז מען איז רייך — מעג אויך אָני שטיין אַרויפצוקומען צו אַ שוועסטער אין הויז.

עני

ווער זאָגט אַז ניט?

סיידי

און אַז מען קען, חלילה, ניט גיין מיט די פיס, מען איז זייער איידל געוואַקסן, האָט מען דאָך אַ מאַשין —

עני

אַלעמען שטעכט אין די אויגן מיין מאַשין.

רחל-לאה

קינדער, וואָס איז מיט אייך?

ע נ י

זי איז אין כעס — וואָס ביסטו אין כעס?... שוין ניט דאָס ערשטע מאָל. דאָס געפעלט איר ניט מיין הויז, דאָס געפעלט איר ניט אונזער שאַפּ —

ס יי ד י

ייער שיין באַגייט איר זיך מיט אייערע לייט —

ע נ י

אַ גאַנצע צדיקת.

ר ח ל - ל א ה

וואָס האָט איר זיך גענומען קריגן מיט אמאָל?

ע נ י

אַלעמען איז גרויס אין די אויגן. און וואָס געפעלט דיר ניט אַזוי אין אונזער שאַפּ? דיין בענין גייט דאָך אויס דאָס חיות צו עפענען זיך אַ שאַפּ. — זי רעדט נאָך.

ס יי ד י

מיין בעני וואָלט אַנדערש געהאַנדלט מיט אַרבעטער.

ע נ י

אַנדערש? מיר וויסן. אַ גאַנצע חכמה. אַלץ וואָלט מען געוואָלט זען אויף יענעם. אַלץ וואָס ביי יענעם איז גרויס אין די אויגן.

ס יי ד י

ווער עס פאַרגינט דיר ניט —

ע נ י

פאַרגינסט מיר? יאָ?

ס י ד י

מיטן גאַנצן האַרצן.

ע נ י

אַ דאַנק.

עס קומט אַריין הערי.

ר ח ל - ל א ה

אָט איז דאָך הערי.

ה ע ר י

העלאָו.

ע נ י

דאַרפן האָב איך געדאַרפט מיט דיר ניט רעדן אינגאַנצן, נאָר גאָר ניט.

ה ע ר י

ביזט טאַקע בייז אויף מיר אויף אַן אמת?

ע נ י

ניטאָ אויף וועמען בייז צו זיין.

ה ע ר י

זאָך האָב דאָך דיר געשיקט אַ טעלעגראַם צו דער פּאַרטי — וואָס ווילסטו נאָך?

ע נ י

אַ שיינעם דאַנק דיר.

ה ע ר י

וואָס הערט זיך ביי דיר, סיידי?

ס יי ד י

קען נייעס ניטאָ. מיר זענען נאָך ניט רייך געוואָרן.

ה ע ר י

נאָך לאַנג צו דינער, מאַ? איך וויל גיין שפּילן באָל.

ר ח ל - ל א ה

און וווּ ביסטו ביז אַהער געווען?

ה ע ר י

איך האָב נאָך ניט געשפּילט היינט. וווּ זענען מיינע קליידער?

ר ח ל - ל א ה

אַזוי ווי אַ ווינט איז ער. ביסט אַריינגעקומען — זיץ אַ מינוט

ה ע ר י

זעצט זיך

און אַז איך וועל שוין זיצן אַביסל, וועט וואָס זיין? אָט זיץ איך.

ר ח ל - ל א ה

זיץ, זיץ.

ס יי ד י

הייבט זיך אויף

איך וועל שוין גיין, מאַמע.

ר ח ל = ל א ה

וואָס איז דאָס איילעניש אויף אייך? זייט נאָך אַ ביסל. באַלד וועט דער טאַטע טאַטאַמאַ אַריינקומען.

ס יי ד י

איך דאַרף שוין גיין.

ע נ י

אומאַנטשלאָסן

נו, מאַמע, דו האָסט שוין אויסגערעכנט וויפיל דו דאַרפסט — אויף דער וואָך, מיין איך...

ר ה ל - לא ה

וואָס שייך אויסגערעכנט?

ע נ י

אַז איך ווייס דאָך ניט — וויפיל קומט אויס — אַזוי וועל איך וויסן — אַלע זונטאָג דאַרף איך ברענגען — זונטאָג איז דער בעסטער טאָג. ניט אַזוי? וואָס זאָגסטו, סיידי.

ס יי ד י

וואָס האָב איך צו זאָגן?

ע נ י

אָבער איך מעג דאָך וויסן — צי ניין?

ה ע ר י

שפּרינגט אויף

מאַ, איך ברענג דיר פון היינט אָן מיין גאַנצע פּעי. הערסט? נעם ניט קיין געלט ביי קיינעם.

ע נ י

קוק אים נאָר אָן דעם נייעם ספּאָרט.

הערי

מער ספאָרט פון דיר, פאַרשטייסט?

רחל־לאה

מאַך זיך ניט נאַריש, הערי. האָב זיך געזונטערהייט דיין געלט.

סיידי

גוד באַי, גריס דעם טאַטן, מאַמע.

רחל־לאה

גיי געזונט, טאָכטער. סיידי אָפּ — רחל־לאה צו הערין וואָס שפּרינג־סטו אַרויס, ווען מען בעט דיך ניט?

עני שטייט אַ פאַרשעמטע, ווייס ניט וואָס צו טון

הערי

הו זענען מיינע באָל־קליידער?

אָפּ אין האָל, און פון דאָרט אין עטלעכע רגעס אַרויס אין גאַס

רחל־לאה

וואָס שטייסטו אַזוי, טאָכטער?

עני

מילא, הערי — אויף אים איז ניטאָ וואָס פאַראיבל צו האָבן. אָבער זי — וואָס האָב איך איר שלעכטס געטון?

רחל־לאה

נו, אַ דאגה האָסטו.

עני

קיינער פאַרגינט מיר ניט.

ר ח ל - ל א ה

ווער פאַרגינט דיר ניט, נאַר, וואָס רעדסטו?

ע נ י

וואָס האָב איך אַזוינס געזאָגט? איז ניט בעסער צו וויסן וויפיל איך דאַרף געבן יעדע וואָך אויף מיין חלק? נעמט אַרויס אַ צוואָנציק דאָלאַר-ביל. צען דאָלאַר וועט זיין גענוג, וואָס זאָגסטו, מאַמע?

ר ח ל - ל א ה

איך קען דען אויסרעכענען, נאַרעלע? וועט מסתמא גענוג זיין. סיידי אַ ביסל... סיידי קען דאָך ניט קיין פולע געבן... ווייסט דאָך. גאָט זאָל אייך העלפן, קינדער.

ע נ י

האָסט טשיינדזש פון צוואָנציק דאָלאַר, מאַ?

ר ח ל - ל א ה

צעטומלט

אָט וועל איך אַ קוק טון.

ע נ י

ווייסט וואָס, מאַ. נעם דיר די גאַנצע צוואָנציק, וועט זיין אויף צוויי וואָכן. יאָ, מאַ?

ר ח ל - ל א ה

אַז דו ווילסט — —

ע נ י

מיר איז אַלץ איינס. לייגט דאָס געלט אויפן טיש און איצט וועל איך שוין גיין. גייסט אפשר אויך אַ ביסל אַרויס אין גאַס?

רחל-לאה

איך קען ניט, טאַטעשי. דער דינער קאָכט זיך. און וואָס איילסטו אַזוי?

עני

איך זאָג דאָך דיר, מאָריס קומט פרי אַ היים, היינט. גוד באַי, מאַ. קום אַרויף צו מיר ווען.

רחל-לאה

גיי געזונט, טאַטעשי.

עני

גריס דעם טאַטן.

אָפּ

רחל-לאה זיצט, שיער וואָס זי הייבט ניט אָן צו וויינען; דאָס געלט ליגט אויפן טיש, עס דערהערן זיך מאָזעס טריט ווי ער קומט אָן. רחל-לאה טוט אַ כאַפּ דאָס געלט פון טיש, באַהאַלט אויף גיך, שטעלט זיך אויף און ווישט די אויגן מען זאָל ניט דערקענען אַז זי איז וויינענדיק. — מאָזע קומט אַריין אָנגעטאָן אין שבתדיקע קליידער. זיין פנים איז נאָכטער שווייגנדיק און פאַרשלאָסן ווי אַלעמאָל: לאָזט זיך אַראָפּ אויף אַ שטול ביים טיש און פאַרט אָן דעם קאָפּ מיט איין האַנט. — שטילשוויגן

רחל-לאה

ניט אַנטשלאָסן

ביסט געווען ביי ר' עליען?

מאָזע

וואָס?

ר ח ל - ל א ה

וואָס מאַכט ער היינט ? בעסער ?

מ אַ ז ע

מסתמא בעסער.

ר ח ל - ל א ה

וואָס הייסט, מסתמא ? ביסט דאָך געווען דאָרט ?

מ אַ ז ע

ניט דערוווסט אים אין שטוב.

ר ח ל - ל א ה

שוין אַוועק אין שאַפּ אודאי.

מ אַ ז ע

ווו הין דען אַנדערש וועט ער גיין ? — טאַנצן ?

ר ח ל - ל א ה

האָסט נאָך היינט אין מויל ניט געהאַט. וועסט עפּעס עסן ? מ אַ ז ע שווייגט אפשר טרינקען אַ גלאָז טיי ?

מ אַ ז ע

לאָז מיך אָפּ מיט דיין טיי.

ר ח ל - ל א ה אַ צעטומלטע אָפּ אין קיך — מ אַ ז ע זיצט און שווייגט

ר ח ל - ל א ה

קומט ווידער אַרויס

די קינדער זענען דאָ געווען ניט לאַנג.

מ אַ ז ע

יאָ

ר ח ל - ל א ה

ניט דערוואַרט זיך אויף דיר.

מ אַ ז ע

מילא.

ר ח ל - ל א ה

זיי האָבן געבראַכט ביידע געלט... פופצן דאָל —

מ אַ ז ע

איך פרעג דיך דען וויפיל ? וואָס דערציילסטו מיר ?

ר ח ל - ל א ה

ניט פאַר מיר אַליין איז דאָס געלט. מעגסט וויסן.

מ אַ ז ע

נו גוט, נו גוט.

ר ח ל - ל א ה

ביסט נאָך אַלץ ניט צופרידן. שלעכטע קינדער האָסטו — אַנדערע וואָלטן געדאַנקט גאָט.

מ אַ ז ע

ווער זאָגט עפּעס ? ווער זאָגט ?

פּויזע

ר ח ל - ל א ה

זעצט זיך ביים טיש אַנטקעגן

מרדכי ! מ אַ ז ע הייבט אויף די אויגן אויף איר איך רעד צו דיר.

מ אַ ז ע

וואָס איז ?

ר ח ל - ל א ה

וואָס זיצטו אַזוי? וואָס שווייגסטו?

מ אַ ז ע

איך בעט דיר, רחל-לאה. לאָז מיך זיצן.

ר ח ל - ל א ה

וואָס האָסטו צו מיינע יאָרן? גזלן. וואָס פאַרפינסטערסטו דאָס לעבן
זיך און אַלעמען. רעד.

מ אַ ז ע

מיט טרויער

ס'איז ניט גוט, רחל-לאה. ס'איז ניט גוט.

ר ח ל - ל א ה

וואָס איז ניט גוט? זאָג.

מ אַ ז ע

ס'איז ניט גוט.

ר ח ל - ל א ה

וואָס טוט זיך מיט דעם יידן?

פויזע

מ אַ ז ע

ווי פאַרזיסטערנדיק

ווייסט, רחל-לאה, איך טראַכט...

ר ח ל - ל א ה

וואָס?

מאַזע

איך טראַכט — אַ מענטש האָפט... אָט וועט קומען דער טאָג און מען וועט אַראָפּטרייסלען פון זיך די שמאַטעס. — פאַר־שטייסט, — יום־טוב וועט קומען. אמתער יום־טוב — פאַרשטייסט, מען וועט אָנטון שבתדיקע בגדים — און ס׳וועט טאַקע זיין יום־טוב, פאַרשטייסט —

רחל־לאה

פאַרוואָס זשע זעסטו נישט, עס זאָל טאַקע זיין יום־טוב?

מאַזע

שפרינגט אויף

עס איז נישט אַזוי... נישט אַראָפּגעטרייסלט די שמאַטעס. ווייזט אויפן הארצן אָט דאָ ווערט אין מיר אַלץ צעריסן. אויף שטיקער. און אין מח — אויך. אויף שטיקער, אויף פּיצלעך. צעריסן, צעטראָטן... רענס, שמאַטעס!... אַלע, אַלע שטייען און רייסן שטיקערווייז, אַלע ביז איינעם!... און דאָרט אין שאָפּ האָב איך כאַטש אויף די שמאַטעס אַ דעה.

רחל־לאה

זיצט און איר גאנצער פּנים קרימט זיך

מאַזע

פלוצלינג

ווו איז הערי?

רחל־לאה

ער שפּילט באָל. וואָס איז?

מאַזע

אַזוי זיך. אַזוי זיך.

רחל־לאה

פאַרוואָס זעסטו נישט, ווי הערי איז גאָר אַן אַנדער קינד געוואָרן?

מאזע

אַן אַנדערער. וואָס הייסט אַן אַנדערער?

רחל-לאה

ער ווערט שטילער, רויקער.

מאזע

אַ קינד ווי אַלע קינדער. אַן אַנדערער! ער איז פריער אויך נישט געווען קיין גאָט-ווייס-וואָס... ווי אַלע קינדער.

רחל-לאה

דו מיינסט דאָס?

מאזע

אָבער וואָס איז די פּעולה? און אַז ער איז שוין ווי אַלע קינדער אין אַמעריקע, איז וואָס? ווי אַלע קינדער... אַ גוואַלדיקע מעשה — ווי אַלע קינדער... אַך, וואָס איז דאָ צו רעדן...

רחל-לאה

דו זעסט דען נישט, אַז ער וויל זיך איבּערבעטן מיט דיר...

מאזע

אַזוי?

רחל-לאה

זאָל איך אַזוי געזונט זיין, ווי איך זאָג דיר אמת.

מאזע

נו, שטייט אים נישט אָן צוצוגיין צו מיר?

רחל-לאה

אַז דו וואָלסט אים איין גוטע מינע כאָטש געוויזן.

מען קלינגט. רחל-לאה גייט עפענען. מען הערט פון האָל ר' עליעס „גוט מאָרגן". מאזע הייבט זיך אויף, איז צופרידן וואָס ר' עליע קומט.

ר' עליע

קומט אריין

אַ גוטער מאָרגן, ר' מרדכי.

מאַזע

גוט יאָר ר' עליע. זיצט.

רחל-לאה

נו, ווי פילט איר היינט?

ר' עליע

אַ דאַנק גאָט, אַ דאַנק גאָט.

מאַזע

נאָך נישט באַדאַרפט אַרויסגיין פון שטוב אפשר?

ר' עליע

אויף אַ קליין ביסעלע. דורכגעגאַנגען זיך נאָר איבערן גאַס.

רחל-לאה

איר וועט טרינקען אַ גלעזעלע טיי, ר' עליע?

ר' עליע

זייט זיך נישט מטריח. נישט נויטיק, אַ לעבן אויף אייך.

מאַזע

פאַרוואָס נישט? דערלאַנג, רחל-לאה.

רחל-לאה אפ

מאַזע

און איך בין טאַקע נישט לאַנג געווען ביי אייך. נישט גע-טראָפן.

ר' עליע

טאַקע. זאָלט איר מיר געזונט זיין. אומזיסט מטריח געווען זיך.

מאַזע

איר האָט שוין געוואָלט אין שאָפּ גיין היינט?

ר׳ עליע

מיין אַלטע האָט שוין אייך אוודאי געזאָגט. איך האָב זיך טאַקע געקליבן גיין. זאָגט מיין אַלטע: זיי שוין נאָך אַ טאָג אין שטוב. טענה איך: אַז איך בין שוין געזונט, אַ דאַנק דעם וואָס זיצט אויבן. וויפל אַ שיר צו הוליען?... נו, מילא, מאָרגן אים ירצה השם.

מאַזע

זיצט, ר׳ עליע. פאַרוואָס זיצט איר נישט?

ר׳ עליע

נישט אויף לאַנג, ר׳ מרדכי, זאָלט איר מיר געזונט זיין. איך האָב געזאָגט מיין אַלטער: זיך נאָר דורכגיין אַביסעלע.

מאַזע

עס מאַכט נישט. זיצט.

ר׳ עליע זעצט זיך

ר׳ עליע

קוקט זיך ארום

נו און איר, ר׳ מרדכי, הייסט עס, טאַקע אויס. — פון די שמאַטעס מיין איך... געבליבן דער איבערשטער, פיין, זייער פיין. צופרידן? ווי דען? — אוודאי.

מאַזע

טוט אַ מאַך מיטן האַנט

עט.

ר׳ עליע

קוקט אים אָן פאַרוואונדערט, וויל עפּעס זאָגן, אין דעם קומט אַריין רחל-לאה מיט צוויי גלאָז טיי אין האַנט, שטעלט זיי אויפן טיש.

רחל-לאה

דו וועסט דאָך אויך טרינקען, מרדכי. טרינקט, ר׳ עליע...

אַפּ צוריק אין קיך

ר׳ עליע

טרינקט, שטעלט זיך אָפּ ביי יעֶדן זופּ און שאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער וואָס באַדויערט עפּעס.

אַזוי... אַזוי... פּויזע אַז איך זאָג: עפּעס איז מיר מרדכי נישט מיט אַלעמען.

מאַזע

שטעלט אַוועק די טיי, צימבעלט מיט די פינגער איבערן טיש. שווייגט

ר׳ עליע

מען טאָר נישט זינדיקן, ר׳ מרדכי, מען טאָר נישט. וואָס הייסט — עט?... טאַטעלעך מיינע, נישט גוט אַזוי, נישט גוט...

מאַזע

טרינקט, ר׳ עליע, עס וועט קאַלט ווערן.

ר׳ עליע

טרינקט און שאָקלט אַלץ מיטן קאָפּ

מאַזע

אָבער פאַר דאַמאָלסדיקע אין שאָפּ זענט איר שוין נישט ברוגז מער אויף מיר? ניין?

ר׳ עליע

וואָס רעדט איר? וואָס שייך ברוגז? אין תּוך גענומען זענט איר דאָך געווען גערעכט. מען האָט נישט געדאַרפט זיך אַליין אָנטון אַזויפיל חרפּה. אָבער — צו שאַרף, ר׳ מרדכי, צופיל עקשנות האָט איר אַרויסגעוויזן. נישט רעכט אַזוי. מען טאָר נישט אַליין... אַלע, נעבעך, יידן.

מאַזע

אמת, אמת, ר׳ עליע.

ר׳ עליע

אַ טאַטש אין פּנים אַזויפיל יידן — אַ גרויסע עבירה, האָט קיין פאַריבל נישט, וואָס איך זאָג אייך דאָס.

מ אַ ז ע

אדרבה, אדרבה, איר מעגט.

ר׳ ע ל י ע

שייך — איך מעג! אוודאי וואָלט געווען בעסער, ווען מען הויבט גאָרנישט אָן. אַ חרפה. אָבער פון אַ חרפה טאָר מען אויך נישט — מביש זיין אַזויפיל יידן.

מ אַ ז ע

זיצט אַ פארלוירענער

ר׳ ע ל י ע

זייט זיך נישט מצער, ר׳ מרדכי. גאָט האָט מוחל געווען. און די יידן דערמאָנען אייך נישט צום שלעכטן. אדרבה — מיטן גרעסטן דרך-ארץ. זייט זיך נישט מצער, ר׳ מרדכי.

מ אַ ז ע

איר זענט אַ טייערער ייד, ר׳ עליע.

ר׳ ע ל י ע

וואָס שייך, וואָס שייך.

עס קומט אריין הערי. ער לאָזט זיך אריין שנעל, אָנגעטון אין ביז-באָלל קליידער, — דערזעט די צוויי יידן, האַקט זיך אָפּ אין מיט, אַרויספּלאַצנדיק: אַ! לויפט אריין אין קיך.

מ אַ ז ע

מיין ייִנגסטער זון. מיין בן-יחיד.

ר׳ ע ל י ע

תמימותדיק

אַזוי.

מ אַ ז ע

אָט דאָ בחורל, ווי איר קוקט אים אָן, איז מיר אַ שונא אין לעבן.

ר׳ ע ל י ע

וואָס רעדט איר?

מאזע

אָט דאָס וואָס איר הערט. איך האָב דאָס נאָך פאַר קיינעם נישט אַרויסגעזאָגט, פאַר קיינעם נישט, פאַר דעם געדאַנק אַליין האָב איך מורא.

ר׳ עליע

אַי אַי אַי...

מאזע

אָבער איך מוז דאָס איינמאָל אַרויסזאָגן. איך מוז, אַז נישט — איז זאָל גאָט שומר ומציל זיין... און איך טראַכט אַלץ: וווּ איז דער גרונט? עס באַדאַרף דאָך זיין אַ גרונט. עס טרעפן דאָך רגעס, ר׳ עליע, אַז עס ציטערן מיר הענט און פיס פון זיינעם אַ קוק נאָר... דאַכט זיך, וואָס — אַ יינגל, קוים צוואַנציק יאָר אַלט, און אַזויפיל שנאה.

ר׳ עליע

אפשר דאַכט זיך אייך, ר׳ מרדכי?

מאזע

ניין, ניין. דאָס גאַנצע הויז איז פול מיט שנאה פון אָט דעם יינגל. אַפילו די ווענט. ווער רעדט, אַז ער איז אין שטוב, איז, ממש, נעם און אַנטלויף ערגעץ... ער ווישט מיך אָפּ מיט איין קוק, ער פאַרטיליקט מיך... ווי נאָר ער טרעט איבער דעם שוועל, איז אַזוי ווי ער וואָלט די גאַנצע גאַס מיטגע-בראַכט מיט זיך און אַרויפגעשליידערט אויף מיר... ער אַליין ווייסט אפשר גאָרנישט אַזויפיל פון זיין שנאה, ווי איך ווייס עס.

ר׳ עליע

אָבער וויאַזוי? וויאַזוי?

מאזע

וואָס רעדט איר? ס׳איז נישט קיין שנאה, ס׳איז עפּעס מער פון שנאה. עפּעס אַזוינס, אַז איך ווייס גאָרנישט וויאַזוי צו זאָגן. איך טראַכט אָפטמאָל: ווער ווייסט, אפשר איז ער גע-רעכט? עס קאָן דאָך נישט זיין גלאַט אַזוי. איך האָב שוין

לאַנג אָפּגעמאַכט ביי זיך: איך מיש זיך נישט. טו, לעב, פיר זיך, ווי דו ווילסט אַליין. איך זע דאָך: דאָ איז ער דער דעה־זאָגער. אָבער פאַר אים איז דאָס ווייניק. ער וויל אַלץ, וואָס ס'איז ביז אים געווען, אָראָפּשניידן... אַט אַזוי אָ פון זיך אַליין אַרויסגעשפּראָצט. אַרויסגעוואַקסן...

פּויזע

מ א ז ע

בויגט זיך צו צו ר' עליען, אַזוי ווי ער וואָלט אים וועלן עפּעס פאַרטרויען. זאָגט שטיל

ס'איז שלעכט, ר' עליע.

ר' ע ל י ע

רערשראָקן

וואָס האָט איר געזאָגט, ר' מרדכי?

מ א ז ע

ס'איז זייער שלעכט.

ר' ע ל י ע

נעמט אים דורך מיט ביידע אויגן. קוקט לאַנג, לאָזט אַרונטער דעם קאָפּ, אַזוי ווי ער וואָלט מיטאַמאָל אַלץ פאַרשטאַנען.

אַזוי...

לאַנגע פּויזע

ר' ע ל י ע

הויבט זיך אויף מיט אַ מאָל

איך וועל שוין גיין... צייט, צייט. נעמט זיך איילן אַ גוטן אייך. ר' מרדכי.

לאָזט זיך שנעל צו דער טיר, לויפט דורך פאַרביי קיך און זאָגט אַריין: אַ גוטן טאָג. מען הערט רחל־לאהס ענטפער: גייט געזונט. מאזע זיצט און קוקט אַנטקעגן זיך מיט ברייט צעעפנטע אויגן. זיין פּנים קריגט מיטאַמאָל אַן ענערגישן, באַגייסטערטן אויסזען. ער הויבט אָן רופן.

מ א ז ע

רחל-לאה, ווּ איז הערי? הערי איז דאָ?

ר ח ל - ל א ה

ווייזט זיך פון קיך. קוקט מיט פארוואונדערונג.

הערי? דו ווילסט זען הערין? ער איז אין קיך. טרינקט טיי.

מ א ז ע

רופט

הערי, קום אַהער.

ר ח ל - ל א ה

צעטומלט

הערי, דער טאַטע רופט. קום אַרויס.

ה ע ר י

באַווייזט זיך אין טיר. קוקט מיט אַ נישט דרייסטן פנים איבערראַשט

מ אַ ז ע

מאַכט מיטן האַנט צו רחל-לאהן, זי זאָל אַוועקגיין אין קיך. רחל-לאה אפ

וואָס האָסטו מורא? קום צו.

ה ע ר י

איך האָב נישט מורא.

רוקט זיך צום טיש נישט אַנטשלאָסן

מ א ז ע

זעץ זיך.

ה ע ר י

זעצט זיך. זיין צעטומלונג וואַקסט אין אים נאָך מער.

מ א ז ע

פירן פירט זיך, אַז אַ זון בעט איבער אַ טאַטן... אָבער עס מאַכט נישט. איך הויב אָן דער ערשטער.

הערי

צו זיך אליין

אך, דזשי.

מאזע

נעמט אים דורך מיט ביידע אויגן

וויפל, א שטייגער, דענקסטו, וועט דער טאטע דיינער נאך לעבן?

הערי

וואס רעדסטו, פא?

מאזע

ווערט מיטאמאל אליין אויך צעטומלט און הויבט אן שטאמלען

אט איז שוין דער טאטע דיינער נישטא. — וואס וועט זיין דאמאלס?... שטעל זיך פאר, אז דער טאטע איז שוין נישטא...

הערי

וואס איז מיט דיר, פא?

מאזע

וואס איז מיט מיר? דו פרעגסט? דו ווילסט טאקע וויסן? הער זיך איין, מיין זון... הער זיך איין...

הערי

אז איך ווייס נישט, וואס דו רעדסט, פא... עפעס מאדנע... איך פארשטיי נישט...

וויל זיך א דערשראקענער אויפהויבן

מאזע

זיץ, זיץ, האב נישט מורא. איך רעד נאך נישט אויסערן וועג. איך בין נאך נישט משוגע, חלילה... ווארט א מינוט. איך האב געוואלט דיר זאגן עפעס זייער וויכטיקס... געפינט נישט קיין הערטער, ווי אזוי אויסצודריקן זיך פארשטייסט, מיין זון, שוין יארן, אז איך קלויב אויפן הארצן, שטיק אין זיך. און אלץ וואס איך שטיק אין זיך האט א שייכות צו דיר, נאר צו דיר... דו פארשטייסט, דו מיינסט, אז אלץ איז אזוי פשוט, אפן... פארשטאמלט זיך און פלאצט ארויס מיטאמאל

דו פאַרשטייסט, דו האָסט דאָך מיך אינגאַנצן פאַרלייקנט, אָפּגע־
ווישט... אַז, אַז...

הערי

פאַ. פאַ, וואָס רעדסטו? איך ווייס נישט... מאָדנע ווערטער
עפּעס. איך האָב מורא. וואָס ווילסטו פון מיר?...

מאַזע

געמט אים דורך שאַרף מיט די אויגן. טוט אַ מאַך מיטן האַנט.

עט...

הויבט זיך אויף און גייט אַריין אין בעט־רום און פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

רחל־לאה

קומט אַרויס פון קיך

וואָס איז, הערי? וואָס זיצסטו אַזוי? ווו איז דער טאַטע?

הערי

ער איז אין כעס געוואָרן. איך ווייס נישט פאַרוואָס. אַריינגעלאָפן
אין בעט־רום.

רחל־לאה

האָסט אים עפּעס געזאָגט?

הערי

ניין, מאַמע, פאַרקערט: איך האָב געוואָלט זיין גוט... ער רעדט
עפּעס אַזוי מאָדנע... זאָגט אַ פּאָר אָפּגעהאַקטע ווערטער, און איך
פאַרשטיי זיי נישט...

רחל־לאה

רופט

מרדכי, וואָס טוסטו דאָרט? קום אַרויס, שוין צייט צו עסן דינער.

מאַזע קומט אַרויס איבערגעטון אין זיינע שאַבאַס־קליידער, אין אַן
אַלטן, אָפּגערוסטענעם ראָק.

רחל־לאה

אַ דערשראָקענע

וואָס איז דאָס?

מאַזע

איך גיי אין שאָפּ צוריק.

רחל-לאה

פארברעכט מיט די הענט

ווײַ איז צו מיר. וואָס טוט זיך דאָ?

הערי

שטעלט זיך בײַ דער טיר

פּאַ.

מאַזע

זאָגט גאָרנישט. לאָזט זיך צו דער טיר

רחל-לאה

פאַרלויפט אים דעם וועג

וווהין גייסטו? וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק? ביסט משוגע צי חסר דעה?

מאַזע

לאָז מיך, רחל-לאה.

רחל-לאה

פעסט.

איך זאָג, אַז דו וועסט נישט גיין, סיידן איבער מיין גוף, דו הערסט. וואָס איך זאָג דיר? דו אַלטער נאַר, דו! האָסטו געזען — ער גייט! האָט אַרויפגעשלעפּט די שמאַטעס אויף זיך און גייט! אַזאַ אַלטער נאַר.

כאַפּט אים אָן פאַר די הענט, שלעפּט אים צוריק מיט אַזאַ פעסטקייט, אַז מאַזע קאָן נישט בײַשטיין. ער ווערט מיטאַמאָל אָפּגעלאָזן און לאָזט זיך שלעפּן, ווי אַ קליין קינד. זי שלעפּט אים צו צום טיש, און זעצט אים אַריין אין אַ שטול.

רחל-לאה

זיץ.

מאַזע זיצט ווי אַ געליימטער, רחל-לאה לויפט אַריין אין בעטצימער, טראָגט אַרויס צוריק דעם שבתדיקן ראָק.

רחל-לאה

זאָלסט מיר אים שוין אָנטון צוריק. די מינוט. וואָס זיצסטו? טו אויס די שמאַטעס פון זיך.

מאַזע

רירט זיך נישט פון אָרט

רחל-לאה

טו אויס די שמאַטעס!

שלעפּט פון איר אַראָפּ מיט גוואַלט דעם אַלטן ראָק און טוט איר אָן דעם שבתדיקן. זי שלעפּט איר פאַר די הענט, טוט זיי אַריין אין די אַרבל. מאַזע ווערט זיך נישט. זיצט, אַזוי ווי ער וואָלט געווען פון האָלץ.

הערי

קוקט זיך צו צו דער גאַנצער סצענע. דערשראָקן און פאַרוווּנ-דערט. זאָגט מיט אַ ציטערדיק קול.

דזשי!...

פאָרהאַנג